STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00190

LIDER

Zisha Landau

Permanent preservation of this book was made possible by
Reva Feuer Schwartz
in memory of
her parents, Rose & Edward Feuer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זישא לאנדוי
1937 - 1889

וישא לאנדוי

שריפטן פון זישא לאנדוי
אין פיר ביכער~בוך איינס:
לידער = בוך צוויי: ~~~
באלאדן און לידער פון.
פרעמדע שפראכן = בוך
דריי: עסייען = בוך פיר:
עס איז גארנישט ניט.
געשען ∆ געקליבן און ≈≈
ארויסגעגעבן = פון חברים!!
אין פארלאג ~ אינזל ==!

זישא לאנדוי

לידער



פארלאג אינזל ניו־יארק
ניינצןהונדערט זיבן און דרייסיק

Copyright, 1937, by Razel Landau, New York
Printed in U. S. A.

אין דעם בוך גייען אריין די לידער, וואָס זישא לאנדוי האָט געדרוקט פון 1911 ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. זיינע לידער פון פאַר 1911, געדרוקטע און ניט געדרוקטע, און אויך פראַגמענטן און וואריאנטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן צווישן זיינע פאפירן, וועלן אריין באַזונדער אין דריטן בוך.

די לידער אין דעם בוך זיינען איינגעטיילט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, לויט די ליטעראַרישע עטאפּן, וואָס לאַנדוי איז דורכגעגאַנגען.

ד י אַ ר ו י ס ג ע ב ע ר.

לידער

1915—1911

וועק מיך ניט!

אוי, וועק מיך ניט, לאָז רואיק אויף דער סאָפע ליגן,
מיט קאַלטע הענט דאָס מידע אויג פאַרשטעלט.
און אויף די בלייכע ליפּן זאָל זיך וויגן, וויגן:
מיין קעניגרייך איז ניט פון דיזער וועלט!

אוי, וועק מיך ניט... אוי, לאָז מיך דרימלען, דרימלען,
קיין איינציק בלימל ווערט דאָרט ניט פאַרגעלט,
דאָרט שפּרייטן שטראַלנדיק זיך זיבן הימלען, —
מיין קעניגרייך איז ניט פון דיזער וועלט!

אַ ווייטער רוף...

אַ ווייטער רוף... אַ שטילער קלאנג...
דו דרייסט דערשטוינט דיין קאָפּ צוריק.
און ס׳פלאַמט אויף, גיפּטיק ווי א שלאַנג,
אַ טרויער אין דיין מידן בליק...

דאָך עמיץ שעפּטשעט הינטער דיר:
„פאַרשלאָסן אויפן גרויסן שלאָס
„געבליבן איז די קליינע טיר,
„דער וועג — פארלאָרן איז אין גראָז״.

פון זיינע טריט...

פון זיינע טריט בלויז ווידערקלאַנגען.
אַ שוואַכער אָפּשיין פון זיין בליק. —
ווער ס׳איז אמאָל אַוועקגעגאַנגען,
קומט קיינמאָל מער שוין ניט צוריק.

נאָר נעמט דער אָוונט ציטריק וויגן
אי ליכט אי פינצטערניש פאַר דיר,
ביים שוועל זעסטו זיין שאָטן ליגן,
זיין קלאַפּן הערסטו אין דיין טיר.

איך בין דאָך, ערד...

איך בין דאָך, ערד, פון דיר געקומען,
איצטער גיי איך צו דיר צוריק.
עס איז דאָס לעבן בלויז אַ חלום,
בלויז אַ קורצער אויגנבליק.

איך האָב אַזוי ביי גאָט געבעטן:
גאָט, אוי, גאָט, מיין טאָג פאַרשווינדט,
מאַך מיך ווי אַ הירש א פלינקן,
ווי אַ לייכטן יונגען אינד.

וועל איך תשובה טאָן זיך איילן,
ווייל מיין טאָג פאַרגייט, פאַרוויט;
און אַרום מיט שלאַנגען־רינגען
ליגט די שוואַרצע נאַכט צעשפּרייט.

גאָט מיין תפילה האָט פאַרנומען;
מיט אַ האַרץ באַפרייט פון זינד,
קומט זיך ווידער איצט באַהעפטן,
מאַמע ערד, מיט דיר, דיין קינד.

גאָט פון אברהם . . .

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
אוי, היט מיין כלה אָפּ פון אַלעם שלעכטס;
זאָל דיין גענאָד איבער איר זיך צעשפּרייטן,
זאָל איר אַ מלאך אַ ווייסער באַגלייטן
אויף איטלעכן טראָט פון איר זאַמדיקן וועג.

כ׳בין ביי דיינע פיס געזעסן...

כ׳בין ביי דיינע פיס געזעסן
און פאַרבענקט געקוקט אויף דיר. —
ווי דער רעגן אויף די שויבן,
ציטערט ס׳קראַנקע האַרץ אין מיר.

„זי וועט לאַנג, שוין לאַנג ניט לעבן״,
זאָגט מיר טונקל אַ געפיל,
כ׳האָב ביי גאָט פאַר דיין נשמה
לאַנג געבעטן אין דער שטיל.

דער הימל פאַר אַ רעגן...

דער הימל פאר א רעגן.
דער סאָד — פאַרוויט, פאַרשנייט.
וואו ס'שיידן זיך די וועגן
אַ קרייץ אַן אַלטער שטייט.

שפּאַנט ווער אין קלייד אין העלן,
דורך נאַכט אין טרוים געהיים —
פאַרשוואונדן שוין די וועלן,
דאָך בלאַנקט נאָך אַלץ דער שוים.

פֿאַל אויף מיין האַרצן . . .

פֿאַל אויף מיין האַרצן, רעגן,
וואַש מיך אָפּ פֿון זינד,
פֿאַר די קליינע קינדערסוועגן
שיקט דער ליבער גאָט דעם רעגן,
איך בין אויך א קינד.

אוי, ווי מיך די שאָטנס שרעקן
ביז אין טיפֿסטן שלאָף!
און שטיל, מורמלענדיק, מיך וועקן
לאַנג שוין דרימלענדיקע שרעקן,
אַלטע זינד און שטראָף.

כאָטש אַ רגע פאַרן טויט

כאָטש אַ רגע פאַרן טויט,
כאָטש ביים שוואַרצן קבר'ס שוועל
איבער אונז דיין ליכט צעשפרייט,
די נשמות מאַך אונז העל.

אוי, די זוים כאָטש פון דיין קלייד,
ווי דעם ברעג די לייכטע וועל,
לאָז אונז קושן פאַרן טויט,
כאָטש ביים שוואַרצן קבר'ס שוועל.

ל י ב ע

1

ווען ס׳נעמט פאַרנאַכט די זון צעפּלאַמען,
דאָס מידע האַרץ זיך וועקט און שרעקט.
עס גייט א שיף אויף ווייטע ים׳ען,
וואוהין עס גייט די שיף — ניט פרעגט!

דער קאַפּיטאַן — אַן מאַסט געבויגן:
„יא, ווי דער ים מיין זינד איז טיף,
„שוין בלינד פון זוכן מיינע אויגן;
„איצט גיב איך אָפּ צו דיר די שיף.

„דאָרט קליינע, שוואַכע קינדער שלאָפן
„און איבער זיי מיין אומרו וואַכט.
„ווער ס׳קען שוין אויפן טויט ניט האָפן,
„וואָס קען אים געבן שרעק און נאַכט?

„חלומות גיט די נאַכט דעם שלאָפן,
„די שרעק אים ליבלעך ווייט, באַגלייט,
„ער קען ניט זען דעם ווייטן האָפן,
„ער וועט ניט זען דעם נאָנטן טויט.

„די שטיקלעך פון דעם קאָמפּאַס ליגן
„דורך מיינע הענט, אין אָפּגרונט טיף,
„און איך וועל מיטן טויט זיך וויגן
„גאָט, איבער דיין געפירטער שיף״.

2

די ציטעריקע שויבן ווערן קאַלטער, גרינער,
און טיף די פראַנזן פון די דרעמלענדע פּאָרטיערן,
נאָך רייסט פון הימל זיך א זונען־שטראַל, אַ דינער,
דאָך באַלד, אָ, באַלד וועט שוין איינגאַנצן פינצטער ווערן...

און הינטער זיך וועסטו א מורמלען לייכט דערהערן,
פאַרנעמען וועט דיין האַרץ שטיל־ציטעריקע קלאַנגען:
עס זיינען דריי מלכים זוכן אים געגאַנגען,
און ס'פירט פון הימל זיי א גאָלדן־העלער שטערן.

3

שטיל לאָמיר אַלע פֿאַרשווינדן,
קוים נאָר דער אָוונט דערוואַכט,
גאָלדיק די שטערן זיך צינדן,
פֿאָרן אַוועק מיט דער נאַכט.

לאָמיר זײַן גלײַך צו די שטערן,
שווימען מיר אַלע אַוועק.
שטיל, עס זאָל קיינער ניט הערן —
שטאַרבן דאָך קינדער פֿון שרעק.

4

פאַרכישופט איז דאָס ראָד,
מיר דרייען זיך אַרום,
ווער פירט: דער שטן? — גאָט?
מיר זיינען אַלע שטום.

און ווער עס זאָל ניט זיין, —
עס פלאַטערט ווי א טויב,
דורך אונזער שרעק און פיין:
אויף אייביק דיר אַ לויב!

5

און פירסטו אונז וואו לעבן בליט,
מיר וועלן אַלע גיין;
אין פיין דיר קושנדיק די טריט —
נאָר לאָז אונז נישט אַליין.

און פירסטו אונז צום נאָענטן טויט,
מיר וועלן אַלע גיין;
די אָרעמס, לויבנדיק, צעשפרייט, —
נאָר לאָז אונז נישט אַליין.

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּיל איך זיך ניט מער;
ס'איז מיר אויפן האַרצן
אומעטיק און שווער.

כ'לאָז די שוואַרצע קאַרשן
און די רויטע שטיין,
כ'הויב די אויגן מײַנע
נאָר צו דיר אַליין.

גאַנצע טעג נאָר בענק איך,
גאַנצע טעג נאָר בײַנק איך,
דאָס אַלץ וואָס איך טו.
ווער־זשע ביסטו, ליבסטע?
און וואו ביסטו, וואו?

געבעט פון אַ מיידל

גאָט, איך בין אַ קליינטשיק מיידל,
גאָט, איך בין אַ שרעקיק קינד,
און מיט זאַמד די אויגן מיינע
האָט פאַרשאָטן בייז דער ווינט.

קען איך ניט מיין וועג געפינען —
קום, דו ליבער גאָט, צו מיר,
נעם מיך, אָרעמע, ביי דער האַנט אָן,
שטאַרקער גאָט! דו פיר מיך, פיר —

איך אַליין וועל דאָך פאַרבלאָנדזשען,
כ׳בין דאָך נאָר אַ קליינטשיק קינד.
און מיט זאַמד די אויגן מיינע
האָט פאַרשאָטן בייז דער ווינט.

וידוי

און האָב איך זיך מודה געווען,
איז גלייך, ווי אויף פליגל פון ווינט,
דער טרויער פון האַרצן פאַרפלויגן,
און ריין בין איך ווידער פון זינד.

ווי ס׳קינד, ווי דאָס קליינע צום פאָטער —
צו דיר שפּרייט איך אויס מיינע הענט.
איך האָב מיינע אויגן, די בלינדע,
מיט דאַנק צו דיין הימל געווענדט.

איצט וואַרט איך מיר אָוונטן לאַנגע,
ביז קומען דער טויט וועט צו מיר,
און וועט מיך, רבונו של עולם,
ברענגען צו פירן פאַר דיר.

ד ע ר נ ע ר

1

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb' warum?

פון ליידן טונק׳לע אַנגסטלעך־שטום,
איך דריק אַלץ פעסטער, פעסטער צו דער קאַלטער שויב
מיין הייס געזיכט: —

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb' warum?

כ׳קער אָפּ זיך פון דער שויב מיט שרעק —
אוי, גאָט, מיין גאָט!
ס׳האָט אויף איר פּראָסטיק הייטל אָפּגעדרוקט זיך מיין געזיכט,
אַ בייזער פלעק — — — —
און ווינקט צו מיר מיט גאַל און שפּאָט: —

Warum sind denn die Rosen so blass,
O, sprich, mein Lieb' warum?

2

אוי, די אויגן מיר פאַרדעק —
אַלעס זעען זיי דאָך, אַלעס...
ס'טראָגט מיין שיפל זיך אויף כוואַליעס
פונעם טעמפּן ים פון שרעק.

כ'בין א קליין און גלויביק קינד
מיט אַ טיף צעקנייטשטן שטערן...
מיינע נערוון — הערן, הערן
און דאָס האַרץ מיינס — בלינד איז, בלינד.

3

אין דער פינצטער זיינען דיינע אויגן שענער,
און עס ווייט פון דיר אַזויפיל פרייד און רו.
אין דער פינצטער איז דיין קליינער פוס נאָך קלענער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

אין דער פינצטער קלינגט דיין ווייכע שטימע ווייכער,
דרינגט אין האַרץ אַריין און זאָגט אַזויפיל צו.
דיינע בלייכע פינגער ווערן לענגער, בלייכער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

4

זיינען מיר אַלע געבוירן אָן ווילן,
זיינען מיר אלע אוממעכטיק און קליין —
לאָמיר ווי קינדער, ווי קליינע זיך שפּילן,
ווען אונזער זון וועט אין הימל פאַרגיין. —

פייגעלעך פליען אַרום אין דער לופטן,
שאָטנדלעך שפּרינגען אַרום אויף די ווענט,
ווי וועלקענדע בלומען, ווי בליענדע דופטן,
צאַרט זיינען, ווייך זיינען מיידעלשע הענט . . .

5

ס׳נעמט אָוונטן. מיר האַלטן אין דעם אָטעם. זיצן שטיל און הערן,
ווי ערגעץ וואו נעמט פאַר דער וועלט ווער נעצן פינצטערע צו שטריקן.
און באַנג און באַנגער ווערט. און פון די טונקל גרינלעכע פּאַרטיערן,
אין פאַלדן זייערע איינגעשלאָסן, וואַרפט דער שרעק אונז זיינע בליקן.
און שטיל און שטילער ווערט. עס זינגט איצט אירע לאַנגע מידע קלאַנגען
די מידע שטילקייט אויס. כ׳דריק צו א שויב מיין שטערן דעם צעגליטן...
אַלץ טונקעלער... א מיידל צום קלאַוויר איז פּלוצים צוגעגאַנגען,
נעמט האַסטיק אייניקע אַקאָרדן, וואַרפט אַוועק זיי ראָש אין מיטן,
און ווי אין אוממאַכט, ווערט אין פלושענעם פאַטעל צוריק פאַרזונקען.
פלעכט פיבעריש איין האַנט אין צווייטער. קוקט אויף אַלץ מיט שטוינען.
אַ רגע שטיל. עס שעפּטשעט טונקל ווער. און גלייך דער זאַל דערטרונקען
געוואָרן איז אין איר היסטעריש־נאַיענדיקן לאַכן־וויינען.
מיר קוקן שווייגנדיק זיך אָן. כ׳דריק פעסטער צו דער שויב מיין שטערן.
מיט ציטעריקע ליפּן נעמט דאָס מיידל אין זיך ס׳וויינען שטיקן.
און בלייך און בלייכער ווערט. און פון די טונקל גרינלעכע פּאַרטיערן,
אין פאַלדן זייערע איינגעשלאָסן, וואַרפט דער שרעק אונז זיינע בליקן.

6

ווען ס'נעמט די ווינטער־זון די לעצטע שטראַלן אויף מיין פענצטער שפּרייטן,
באַלייכטנדיק די שויבן מיט אַ קופּער־גרינעם שיין, אַ קאַלטן; —
פון שופלאָד נעם איך דעמאָלט מיר אַרויס פאַרוועלקטע געלע קווייטן,
זיי האָב איך זומער דאָרט באַהאַלטן.

און פיינלעך שמייכלענדיק נעם איך מיט זיי דיין יוגנט־בילד באַקראַנצן,
און קינדיש־לאכנדיקע אויגן מיט פארוועלקטער בלום פאַרדעקן,
די קינדיש־לאַכנדיקע אויגן מיט פאַרוועלקטער בלום פארדעקן,
די קינדיש לאכנדיקע אויגן. — — —

7

פאַר אלעס זאָלסטו מיר פאַרגעבן,
ווי אַ בעטלער שטיי איך ביי דיין טיר,
דערפאַר, וואָס האָסט געמוזט צעטרעטן מיר מיין לעבן —
זיי מוחל מיר!

ווייל ס׳מוז פאַר שאַנד דיין פנים ברענען,
וואָס דו האָסט אַמאָל געהאַט מיך ליב;
און ווייל פאַרגעבן וועסטו קיינמאָל מיר נישט קענען —
פאַרגיב! פאַרגיב!

8

פֿאַרשפּרייט איבער מיר דיין גענאָד:
צו שווייגן גיב כּח מיר, גאָט!

מיידעלשע געזאַנגען

1

איך קוק אַלץ אויפֿן זייגער,
דאָס האַרץ גייט אויס פֿון שרעק.
כ׳וועל זיבן — שרייבסטו — קומען
און אַכט איז שוין אַוועק.

דאָס אוונט־מאַלצייט עסן
האָב איך היינט נישט געקענט, —
געצערטלט מיר די פֿינגער, —
דו קושסט דאָך מײַנע הענט.

איך ווייס ניט, צי געדענקסטו,
ווי ס׳האָט אַמאָל דײַן האַנט
די האָר מיר — כ׳זאָג קיין ליגן —
געגלעט שטיל נאָכאַנאַנד —

כ׳האָב זיי באַדעקט מיט קושן
און ליב אַזוי פֿאַרקעמט,
„אַ שיינע מיידל בין איך"
געמורמלט האַלב פֿאַרשעמט.

דו קום נאָר, קום נאָר גיכער,
דער זייגער שלאָגט שוין נײַן!
מיר וועלן ביידע זיצן
אין גרויסן טאָג אַרײַן.

2

דו ניט צייל נאָר מיינע יאָרן
און די קנייטשן פון מיין שטערן;
איך בין יונגער שוין געוואָרן
טראַכטנדיק: כ׳וועל דיינע ווערן.

ס׳נעמט א פרייד דאָס האַרץ מיר קלעמען;
— כ׳זאָל נאָר ניט דעם קאָפּ פאַרלירן, —
דו וועסט קומען, וועסט מיך נעמען,
וועסט אַהיים צו זיך מיך פירן.

אַלט וועל איך פון פּראַצע ווערן
אײדער ס׳וועט די עלטער קומען.
גוט, ווען ס׳וועט נאָר גאָט באַשערן,
אַז אַ קינד צום יאָר זאָל קומען.

זינגענדיק וועל איך פאַרוויגן
ס׳קינד צוזאַמען מיט מיין טרויער...
און אין פיין זיך יאָרן וויגן,
און איך ווער אַלץ גרויער, גרויער...

3

אוי, ווי ס׳פּלאַמט מיין אויער —
ס׳טרייבט רכילות ווער.
איך באַדויער גאָרנישט,
דאָך ווערט אָפּטמאָל שווער.

נאָר א טרייסט געווען
וואָלט מיר אין מיין פּיין,
ס׳קינד, וואָס דאַרף באַלד קומען,
זאָל אַ מיידל זיין.

ווערט זי עלטער, זאָג איך
אַלעס איר אליין. —
ס׳משפּט ניט אַ טאָכטער,
זי וועט מיך פאַרשטיין.

4

ניין, איך גלויב ניט, כאָטש דו שווערסט זיך:
האָסט מיך מער ניט ליב אַצינד, —
טראָג איך נישט דורך פּיינען שווערע
אונטערן האַרצן איצט דיין קינד?

אַלע טעג ביינאַכט גאָט בעט איך:
ס׳קינד זאָל ענלעך זיין צו דיר;
גלעטנדיק דאָס קינד מיט ליבע,
וועסט נישט טראַכטן דען פון מיר?

מעגן ימ׳ען דיך פאַרטראָגן,
מעג אונז שיידן שטאָט צי לאַנד —
אייביק האָלט אונז פעסט צוזאַמען
עפּעס אַ געהיימע האַנט.

ווינטער־פֿאַרנאַכטן

ווינטער־פֿאַרנאַכטן, פֿאַראומערטע, קאַלטע.
ציטעריק, ציטעריק קוקן די שויבן.
ס׳וואַכן אויף בילדער פֿון צייטן פֿון אַלטע,
ס׳פֿלאַטערן אום אין דער פֿינצטערניש טויבן.

הויבסט־אָן אָן אויפֿהער אין צימער צו שפּאַנען,
אייגענע טריט נעמען טונקל דיך שרעקן,
ס׳זיינען — דערציילט מען — וואו לענדער פֿאַראַנען
דאָרטן פֿרימאָרגנס איצט אַלעמען וועקן.

עפּילאָג

ווייל ס׳האָט אַזוי געמיין פאַרשוויגן מיך די פּרעסע,
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרייבט זי קיינמאָל ניט —
דערפֿאַר קען איך ביז איצט ניט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער פאַלן נעמט אַלץ מיין קרעדיט.

און וואָס א טאָג נעם איך אין חובות טיפער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטן שפּרייט איך אויס די הענט; —
אַ גליק, וואָס כ׳קען „מאַרטעל׳ס" דערלויבן זיך צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט אינגאַנצן פינעף סענט.

וואָלט קאַווע טייער זיין — וואָלט איך זיך אויפגעהאנגען,
און דיכטער גלייך צו מיר איז גאָרנישטאָ קיין סך!
דאָך ווי דער פּרייז שטייט איצט — מיט הערלעכע געזאַנגען
קאָן איך מיר גליקלעך מאַכן אונזער פאָלק און שפּראַך.

גאמען

1

איך וואָלט געקויפט א פערד, ווען איך זאָל קענען רייטן,
און רואיק וואָלט איך זיך געלאָזן אין מיין וועג;
אַזוי וואָלט איך געפאָרן טריט־ביי־טריט באַגלייטן
די שטאַרבנדיקע טעג.

און ווען מיין לעצטער אָוונט וואָלט זיך אָנגעצונדן,
און אויף מיין מידער ערד וואָלט זיך מיין נאַכט צעשפּרייט —
צוזאַמען מיט מיין טרייען פערד וואָלט איך פאַרשוואונדן
פון קיינעם נישט באַגלייט.

2

טו איך מיר די שטיוול אויס,
און וועל באַרוועסדיקערהייט
שלייכן זיך ביינאַכט אַרויס
פון מיין אַלטן, קאַלטן הויז.

דאָרטן וואו דער וועג זיך שפּרייט,
שפּרייט זיך, ברייט זיך קאַלט און גרויס,
קליין, אַליין, צונויפגעדרייט,
בלייב איך שטיין מיר שטומערהייט.

3

איך וויל גאָר נישט, און אויב כ׳וויל וואָס, איז עס גאָר ניט פיל:
קיינער זאָל אין טיר ניט קלאפּן, זיין זאָל שטענדיק שטיל.
און ניט פייפן אין דעם קוימען זאָל א ווינט ביינאַכט,
כאָטש מיין ליד אַזאַ מין פייפן שענער וואָלט געמאַכט.

יאָ, צו לידער מוז אין קוימען פייפן בייז דער ווינט,
די געליבטע מוז נאַאיוו זייך, ווי א קליינטשיק קינד,
אָבער מיר צו וואָס? איך וויל נאָר, זיין זאָל רואיק, שטיל.
איך וויל גאָר ניט, און אויב כ׳וויל וואָס — זעט איר דאָך וויפיל.

4

עס וועקט זיך וואו א שטילער שיין
און וויגט זיך, וויגט זיך שוואַך און מיד,
פאַראומערט האַרץ מיינס, דרימל איין!
עס וועקט זיך וואו א שטילער שיין.
און עמיצ׳ס איילנדיקע טריט
פאַרזינקען אין דער נאַכט אַריין —
עס וועקט זיך וואו א שטילער שיין
און וויגט זיך, וויגט זיך שוואַך און מיד.

5

מאַני לייב'ן

וואו ערד און הימל קומען זיך צוזאַמען,
אַ נאַכט א טיפע נעמט פאַנאַנדערבליען;
פאַרלאַנגען, וואס בייטאָג פאר'חלשט טליען,
מיט ליידנשאַפט אין הארצן נעמען פלאַמען.

עס שפרייט זיך אויס א ברייטע וועלט אָן צאמען,
און גרינע אויגן־פונקען שוועבן, פליען,
אַ יעדער נערוו אין דיר נעמט זינגלעך בריען.
דו איילסט, דיך שרעקט דו זאָלסט ניט וואָס פארזאמען.

מיט פרויען וואַכיקע די גאַסן ווייען
און מאָדנע רייצנדיק זיך פיסלעך שטעלן,
און נעבן וועגט אין מיאוקן קעץ פאַרגייען. —

ווי שטיינער בארג אַראָפּ, ווי גיכע וועלן,
פאַר מיינע אויגן הויבן אָן זיך דרייען
די נאַכט, די קעץ, די פרויען און האָטעלן.

איך, דאָס פאָלק און די קעלנערינס

ווען איך זאָל זיין איצט יונג און רייך, אין רעסטאָראַנען
וואָלט איך מיר גאַנצע טעג און נעכט אַרומגעגאַנגען,
און וואו א שיינע קעלנערין איז נאָר פאַראַנען,
אויף אייביק ליבן וואָלט איך גלייך זי אָנגעפאנגען.

און וואָלט איר געטער־בליק אויף מיר מיט ליבע שיינען,
ווי דאַנטע וואָלט איך מיר טערצינען דאַן געשריבן,
און וואָלט זיך ווען דער קעלנערין פארגלוסט צו וויינען —
מיין פאָלק! — דיר וואָלט דאָך אָ סאָנעטן־קראַנץ פאַרבליבן.

אין אונזער שבּ־אָך סאָנעטן־קרענץ, טערצינען,
אָ, ס'אַראָ שרעקלעכן פוראָר זיי וואָלטן מאכן,
ווי וועלן זיך דאָס איבערזעצער נישט געפינען? —
מיט דיר, מיין פאָלק, און מיר, קלינגט באַלד אין אַלע שפּראַכן.

נאָר איך בין מער ניט יונג, און געלט איז ניט פאַראַנען,
וואו קלינגערס צו דערטאַפּן מוז איך אייביק טראַכטן —
אומזיסט — אומנישט די קעלנערינס די שיינע וויאַנען,
און איך און ס'בידנע פאָלק מיינס מוזן נעבעך שמאַכטן!

פערזן

1

. . . און ווערט אונזער לעבן אַלץ בלאַסער
און הערט זיך נאָר קוים אונזער שטים, —
לאָמיר זיין שטילער פון וואַסער,
זינגענדיק לידער צו אים.

2

פֿאַר די קליינע קינדערס וועגן
גיסטו טאָג און נאַכט און רעגן;
טוסטו פֿאר זיי די שטערן צינדן,
שענקסט זיי שנייען, ברענגסט זיי ווינטן —
לאָז אין זייער זכות אויך פֿאַלן,
גאָט, אויף אונז פֿון גנאָד די שטראַלן!

3

און מיר גייען דיר אַנטקעגן
פֿאַלנדיק פֿון פּיין און שרעק —
שוין געזוכט אויף אַלע וועגן—
קאַלט און איינזאַם יעדער וועג.

און געקלאַפּט אין אַלע טירן—
צוגעשלאָסן טיר נאָך טיר —
לאָזן מיר פֿון שרעק זיך פֿירן,
גאָט, דו גרויסער, איצט צו דיר.

4

איך קען ניט געבן, גאָט, גיב דו
מיין קראַנקן האַרץ אַ ווײַלע רו,
נעם צו פון מיר כאָטש פאַרן טויט
דעם שרעק, וואָס מײַנע טעג באַגלייט.

אָ, לאָז מיך שוין פאַרגיין און ריין,
אַליין בין איך דאָך שוואַך און קליין!
אָן עמיצ׳ס הילף, וואָס קען איך — וואָס?
כ׳בין נידעריקער נאָך פון גראָז.

5

אַליו־ליו ליו, האַרץ מיינס,
דו פאַרשאָלטן האַרץ,
ברודיקע גארדינען —
אַלץ איז שמוציק, שוואַרץ.

ציטעריק דיך טראָג איך
אין דער וועלט אַרום.
האָב איך וואָס גע׳גנב׳עט?
כ׳קוק זיך אלץ דאָך אום.

ביי א פלויט א קרומען
פגר׳ן וועסטו,
אוי, פאַרשאָלטן הארץ מיינס,
אַליו־אַליו־ליו.

6

ס׳זינקט אַ האַלבע וועלט אין טרערן!
באַלעבאַטים — וויי אוןווינד! —
שמאַכטן טוגנטהאַפט צו ווערן,
טריי צו גאָט זיין, ווייב און קינד.

און להכעיס איך נאָר איינער
לעב אַ לעבן מיר אָן זאָרג, —
ווילט זיך, צייל איך מיר די שטיינער
אין די גאַסן פון ניו יאָרק.

7

שאַפן מיר יום־טובים אַפּ,
וואָכעדיק זאָל אַלץ פאַרגיין.
זינקט דער קאָפּ ניט מער אַראָפּ,
ס׳האַרץ פאַרגייט ניט פאַר געוויין.

גרויערהייט פארגייען מיר,
שווייגנדיק אין אונזער פּיין. —
און דורך שפּאַלטן פון דער טיר
אונזער שאָטן קומט אַריין.

8

גענאָד צו אייך און פרידן,
פאַרצווייפלונג, שרעק און פּיין!
דעם וואַנדערער דעם מידן
באַהילפיק זאָלט איר זיין.

אָרום — אַלץ טעמפּער, גרויער,
און נאַריש־מידע טעג. —
וואָך אויף דו טיפער טרויער,
באַשיין כאָטש דו דעם וועג.

און שטיל...

פּרץ הירשביינען

און שטיל זיינען אונזערע רייד,
און שטיל זיינען אונזערע טריט.
דער ווינט האָט פון לאַנג שוין פאַרווייט,
די בלום האָט פון לאַנג שוין פאַרבליט.

מיט הערצער פון דורות שוין טויט,
מיר זינגען דאָס קומענדע ליד.
און שטיל זיינען אונזערע רייד,
און שטיל זיינען אונזערע טריט.

פינף לידער

וווערטער, ווערטער, ווערטער, דעקלאַמאַציע
— משה וואַרשע.

1

נעגערינס

אַמאָל א קאַלב, אמאָל א הונט דערמאָנען אייערע אויגן,
ווי ביי חזרים זיינען אייערע ליפּן גראָב,
און אייערע בייכער הענגען גלייך ווי זעק אַראָפּ,
ווי ביי א פראָש איז אייער נאָז צעצויגן;
און הענט האָט איר ווי אַפּן,
באַשאַפן גאָטס ווערק צו פאַרשעמען —
אָדער מיך ארומצונעמען.

2

אויסגעגאָסן אויפֿן דיל . . .

אויסגעגאָסן אויפֿן דיל
האָב איך אַלקאָהאָל, און שטיל
אָנגעצונדן אויפֿן דיל
כ׳האָב דעם אַלקאָהאָל, און שטיל
האָט דער אַלקאָהאָל זיך לייכט צעברענט,
לייכט און רואיק זיך צעברענט.

ווי עס קלאַפּט אין וואַנט אַ גריל,
קלאַפּט דער טייוול טיף אין מיר:
„באַלד פֿאַרפֿרירן וועלן דיר
דיינע ציטערדיקע הענט.״
וואַרעם איך מיין רעכטע האַנט,
פֿרירט פֿון קעלט מיין לינקע האַנט,
וואַרעם איך מיין לינקע האַנט,
פֿרירט פֿון קעלט מיין רעכטע האַנט.

און דער טייוול ווי אַ גריל,
מאַנאָטאָן קלאַפּט אין דער שטיל:
„אוי, ווי דו ביסט אַלט און קאַלט,
ווער דערוואַרימען וועט דיך?
און דאָס פֿייער לעשט זיך באַלד —
ווער דערוואַרימען וועט דיך?
אַזוי לאַנג, ווי ס׳איז נאָך צייט,
לייג זיך צו דעם פֿייער צו.״

לייג איך זיך, ווייל ס׳איז נאָך צייט,
אויפן דיל צום פייער צו,
און איך וואַרעם, וואַרעם זיך.
וואַרעם איך מיין לינקע זייט,
פרירט פון קעלט מיין רעכטע זייט,
וואַרעם איך מיין רעכטע זייט,
פרירט פון קעלט מיין לינקע זייט,
און דער טייוול, ווי א גריל
קלאַפּט אַלץ, קלאַפּט אַלץ אין דער שטיל,

3

ד י נ ס ט י ק

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר אויסגעטרונקען,
אַ דריי־פיר צוויבאַק אויפגעגעסן;
דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט ביים טיש געזעסן,
געראַוכערט און געקוקט מיר אויף אַ נאָגל אין דער וואַנט.
פיר לידער איבערזעצט פון דייטש,
אַ מידער אויף דער סאָפע זיך אַוועקגעלייגט,
אַרום דעם קאָפּ די הענט פאַרלייגט
און דריי מאָל צו דעם באַלקן אויסגעשפּיגן.
מיר איז געוואָרן שווער,
פאַרוואָס דער זומער איז פאַרגאַנגען.
איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירן מיר אין פּאַרק געגאַנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגן.
און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקן דריי מאָל אויסגעשפּיגן,
און אַלע דריי מאָל ניט געטראָפן,
דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפן.

4

אין דער יוגנט זיינען מיידלעך

אין דער יוגנט זיינען מיידלעך
פון די אינגלעך שענער, ליבער ;
נאָר די מיידלעך ווערן מיאוסער
ווען די יוגנט גייט אריבער.

ס'איז דער מאן פון ערד באַשאַפן,
טראָגט איר קראפט אין זיך פאַרהוילן.
פון אַ ריפּ איז ס'ווייב באַשאַפן —
פלייש און ביינער מוזן פוילן.

און מיט שמירעכצן אַזוינע
מוזן זיך די ווייבער שמירן,
אַז מען זאָל דעם שלעכטן ריח,
וואָס עס גייט פון זיי ניט שפּירן.

5.

עס זיינען מיינע לידער

רייַן ווי טויבן, קלוג ווי שלאַנגען,
ווי די פעלזן רואיק, קאַלט,
ציטעריק ווי ווידערקלאַנגען,
רוישיק ווי א יונגער וואלד.
פון אַ גאַסן־פרוי די אויגן,
ס׳פרייַע שפילן פון א קינד, —
און דער קלאָרסטער רעגנבויגן,
און דער לייַכטסטער אָוונט־ווינט.

ב י ז . . .

ביז ס'וועט קומען אונזער שעה,
איז אזויפיל פרייד נאָך דאָ.

וואו די אויגן נאָר געווענדט,
ווערסט פון וואונדער באַלד פאַרבלענדט.

קינדער, וואָס קוים קענען שטיין,
הויבן פלוצים אָן צו גיין.

טאָג איז, העל איז, זונענשיין,
און אָט הילט די נאַכט זיי איין.

צווישן דיינע שוואַרצע האָר,
זע, עס וואַקסט אַ גרויע גאָר.

און אַזוי פון טראָט אויף טראָט,
וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד.

אָט אַזוי, אַזוי, אַזוי

ס. דילאָנ׳עו

אָט אַזוי, אַזוי, אַזוי
גיי איך מיר און גיי און גיי,
מיט דעם הוט אַראָפּגערוקט
איבער מיינע אויגן טיף,
מיט די הענט אַריינגערוקט
אין די הויזן־טאַשן טיף
און איך קוק צו אַלץ זיך צו.
וואָס איז מיר דען מער געבליבן
ווי צו קוקן אויף גאָטס וועלט ? —
מיר איז גאָרנישט מער געבליבן
ווי צו קוקן אויף גאָטס וועלט.
קוק איך זיך צו אַלעם צו.
גייענדיק אַמאָל געבויגן
איבער קרומע שטומע שטעגן,
האָט מיין וועג זיך אָפּגעבויגן ;
פון די קרומע שטומע שטעגן,
צו די רוישנדיקע וועגן
האָט ער רואיק זיך פאַרבויגן.
כ׳בין מיין וועג שטיל נאָכגעגאנגען
און נאָך מער זיך איינגעבויגן.*)

*) איך גיי שטענדיק איינגעבויגן
ווי ס׳וואָלט וואָס אויף מיר געלעגן,
און אין נעפּל מיינע אויגן,
אין דער פינצטער מיינע וועגן. — ז. ל.

פלוצים הער איך ווי א שטימע
וואַלט געקלאַפּט צו מיר אין האַרצן.
כ׳הער זיך איין: מיין שאָטנס שטימע
פּלאָטערדיק קלאַפּט אין מיין האַרצן:
„דיינע טעג אין וועג צעפאַלן
וועלן איינציקווייז און גרוי".
זאָג איך נאָך מיין שאָטן: פאַלן
וועט באַלד עמיץ שטיל און גרוי.
„דו — זאָגט מיר דער שאָטן ווייטער, —
דו וועסט פאַלן אין דעם וועג,
אויב דו וועסט נאָך לאָזן ווייטער
קליין, אַליין זיך גיין אין וועג.
נאָר, אויב ווילסט ניט גיין פאַרלאָרן,
לאָמיר בייטן זיך דאָס אָרט.
און אַזוי, אַזוי, אַזוי
גיב זיך זיבן מאָל א דריי,
גיב אַ מאַך נאָר מיט דער האַנט,
און וועסט זיין שוין אויף דער וואַנט".
ענטפער איך אים ניט קיין וואָרט,
נאָר אַזוי, אזוי, אַזוי,
כ׳גיב זיך זיבן מאָל אַ דריי,
כ׳גיב א מאַך נאָר מיט דער האַנט
און איך בין שוין אויף דער וואַנט,
און פאַרנעם מיין שאָטנס אָרט.
ענטפערט ער מיר ניט קיין וואָרט,
גייט אַראָפּ זיך פון דער וואַנט,
און פאַרנעמט מיין אָרט.
איצט איז אַלעס גוט און לייכט,
ס׳איז די גאַנצע וועלט מיר לייכט.

כ׳וויג, עס וויגט זיך מיט מיר מיט,
ס׳וויגט די גאנצע וועלט זיך מיט.
און מיין שאָטן פון דער זייט,
אָנגעבויגן אָן א זייט,
גייט פּאַמעלעך זיך און גרוי,
אָט אזוי, אזוי, אָזוי.

װאונדערבאַרע פּערזאָן

1

טרױעריק...

אין פֿרילינג און דעם גאַנצן זומער,
באַמערקן מיר ניט, אַז עס איז דאָ בוימער —
אין גאַס, אין פּאַרק,
און אויף די בוימער — גרינע, װאונדערבאַרע בלעטער.

ערשט שפּעט אין האַרבסט, װען געלע און פֿאַרװעלקטע בלעטער
פֿאַלן צו דער ערד און פֿונם װינט געיאָגטע
פֿאַרביי אונז טראָגן זיי זיך גיך אַזוי,
װי שפּעסעלעך דערשראָקענע,
ערשט דעמאָלט, הויבן מיר זיי אָן באַמערקן.

2

אויגוסט 28, 1915

נעכטן, שבת אָוונט, אויגוסט אַכט און צוואַנציק,
ניינצן הונדערט פופצן, ווען איך בין
געזעסן און פאַריכט די קאָרעקטורן מיינע,
איז פלוצים טרויעריק געוואָרן מיר.
כ׳האָב אויפן טיש דערזען אַ בריוו פון א באַקאַנטן,
פון אַכטן יולי, וואו ער שרייבט צו מיר
פון זומער־וואוינונג זיינעם, מידלטאָן, ניו יאָרק:
„איך דאַנק דיר פאַר די ווערטער דיינע, וואָס
האָסט צוגעשיקט, שרייב אָפטער מיר, דיין יעדער בריוו
וואָס קומט נאָר אָן דערפרייט מיך,
כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט.״

אַ פּאָר מאָל האָב איך אַלץ די ווערטער דורכגעלעזן:
„כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט״,
און ס׳איז אומהיימלעך מיר געוואָרן.
און מיך, וואָס קיינמאָל אַרט ניט, וואָס מען זאָל ניט זאָגן
פון מיינע לידער צי גאָר וועגן מיר,
פאַרוואָס בין איך אזוי עמפּינדלעך
צו אַלץ וואָס מען זאָל ניט זאָגן פון מיינע בריוו?

3

! . . .

אַ, נעכט באַווינטיקטע! אַ, טעג באַזונענע!
אַ, קליינע קינדערלעך אין ווייס געקליידטע!
באַבוימטע וועגן ערגעץ ווייט אַנטרונענע!
פֿאַרבלויטע הימלען אַזוי לייכט צעשפּרייטע!
בריוו אַלטע אומגעריכטערהייט געפֿונענע!
רעמיניסצענטן! צייטן לאנג פארגעסענע!
אַ, ווערטער, איינגעשפּינוועבטע, צעפּרעסענע!

4

מיינע זעליקייטן

דערווידער זיינען מיר די יונגע מיידלעך,
די זעכצן, אכצניאָריקע:
די טאַנצנדיקע, שפּרינגענדיקע,
די מיט אויגן ברענענדיקע,
ווי לאָמפּן פון די מאָטאָר־ציקלען,
מיט העמדעלעך מיט ראָז און בלויע בענדלעך
און הייזעלעך מיט שפּיצן.

אפילו אינגלעך אַרן אונז שוין ניט,
וואָס עס רייצט נאָר אונז,
אויסער:
שמועסן אין אָוונט
אין וואַרימען צימערביים טיי,
דערמאָנען די אלע, וואס זיינען
ניטאָ שוין מיט אונז,
קוקן אַלטע פּאָרטרעטן,
לאָנגזאָם בלעטערן קלאַסיקער —

איז:

ווייבער,
אָרום און איבער דרייסיק
מיט פֿאַרגאַנגנהייטן.
ווייסן, וואָס הייסט שלאָפֿן מיט אַ מאַן.
זיינען געווען אין באַוועגונג,
הויבן אָן צו ווערן דיק:
האָבן צרות פֿון קאָרסעטן.
צווייפֿלען
אין פֿאַרהיטונגס־מיטלען
(פֿאַלט מען דאָך אַמאָל אַריין),
האָבן עפּעס גוטע, טוגנטהאַפֿטע מענער,

האָבן קינדער,
זוניקע, לופֿטיקע צימערן,
עסן בלויז נאַרהאַפֿטע שפּייזן,
לעזן קלוגע ביכער
און לאַנגווייליקן זיך.

5

היינט אָוונט

אָוונט אינם הויז.
דו זיצסט אין הויז און קוקסט אַרויס
פון פענצטער דיר אַרויס.
דאָס ווייב זיצט אויף א שטול און העפט
און אפשר נייט.
איך קוק מיך אום און זע: זי זיצט זיך גלאַט אַזוי
און ניט זי העפט, און ניט זי נייט,
נאָר האַלטנדיק נאַכלעסיק אין דער האַנט
די נאָדל, שער, צי דאָס געוואַנט,
פאַרטראַכט זי זיך ווי טאָג נאָך טאָג
אין דאגות נאָר פאַרגייען.
מען רעדט זיך דורך: אָט פעלט וואָס אויס
און קיינמאָל קענסטו ניט ארויס
פון אַנגעצייכנטן און לאנגווייליקן קרייז.
און יעדער טאָג, וואס גייט אַוועק, איז דאָך א שאָד,
ער וועט צוריק שוין מער ניט קומען.
און גלייך ווי דער, וועט דאָך דער צווייטער אויך פאַרגיין,
און דאָס, אויף וואָס דו האָסט געהאָפט, געוואַרט,
האָט אָפּגענאַרט.
און טראַכטנדיק אזוי,
מיט האָפענונג הויבט זי אויף איר בליק צו דיר.

גראָד האָסטו אָפּגעקערט פון פענצטער זיך
און קוקסט אויף איר,
און מיט אַמאָל ווערט אַלץ דיר קלאָר.
דו הויבסט זיך אויף,
גייסט צו צום ווייב, דיין טרייען ווייב,
לייגסט אויף איר אַקסל לייכט איין האַנט אַרויף
און מיט דער צווייטער גלעטסטו איר די האָר
און זאָגן ווילסטו איר אַזויפיל גוטע רייד,
דאָך זאָגסטו ניט קיין איינציק וואָרט,
נאָר גייסט צוריק דיר אויף דיין אָרט
און קוקסט פון פענצטער ווידער דיר אַרויס.
די נאַכט איז טיף, די שטערן זיינען גרויס
און רואיק שפּרייט דיין האַרץ זיך אויס.

6

מיין ליבער ר. אייזלאנד:

אויך איך בין מיד,
מיט לייב און לעבן מיד
פון גרויע טעג און נאַריש לאנגע רייד,
פון פוסטע תאוות, איינגערעדטער פרייד,
פון אלצדינג וואָס איך טראכט און טו,
אַזוי ווי דו.
און ס׳איז מיין האַרץ, ווי דיינס, צעטיילט אין צוויי,
אַ האַלב איז קויט, אַ האַלב איז שניי, —
און דאָך האָב איך אַזויפיל פרייד
אין אָט די גרויע טעג און נאַריש לאַנגע רייד.
און ליב האָב איך אין גאסן אומצוגיין
מיט עמיצן, צי גאָר אַליין,
אָט בלייבן אויף א ווײלע פאר א פענצטער שטיין,
וואו עס געפינען
זיך אימפּאָרטירטע קאוויאר, קעז, סארדינען
און פיינע ווײנען און ליקערן.

און גאַנצע נעכט וואָלט איך געזעסן
און ניט דערעסן וואָלט מיר ווידער הערן,
וואָס כ׳האָב געהערט שוין טויזנט מאָל דערציילן:
פון קאָנטאָניסטן, קרימער קריג און וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן
אין זעכציק דריטן יאָר אין פוילן,
און ווי פון רוסלאַנד איז נאַפּאָלעאָן געלאָפן.
און זע, מיט וויפיל פרייד
איך חזר אלץ מיר דיינע רייד:
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט ארום די פרוי,
די פּאַנטאָפל אירע קלאפּן וואָכעדיק און גרוי,
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן.
יאָ, יאָ, אַזוי
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט ארום די פרוי,
די פּאַנטאָפל אירע קלאָפן וואָכעדיק און גרוי,
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן...

(וויפיל ליגט אין אָט די לאַנגווייליקע רייד פאַרבאָרגן
בטחון, האָפענונג און פרייד!)

און גלייך מיט דיר
אויך ווילט זיך בעטן מיר
צום ליבן גאָט נאָך רו,
נאָך אייביק שטילער רו.

צום לאַנד פון פרידן

מיר איז אי טרויעריק אי זיס
און מיינע אקסלען צוקן.
— י. ראָלניק.

1

איך גיי צוריק

איך גיי צוריק צום לאנד פון פרידן,
פאַרבלייבן דאָ קען איך ניט מער,
איך טראָג מיט זיך א קאָפּ אַ מידן
מיין האַרץ פאַראומערט איז און שווער.

אַן אַלעם וויל איך זיך פאַרגעסן,
וואָס איז געוועזן איז פאַרביי,
אמבראזיא וויל איך ווידער עסן,
און נעקטאַר טרינקען פון דאָס ניי.

כ'וויל מיטן מזל זיך ניט קריגן,
וואָס ס'גיט דער טאָג, דאָס נעם איך צו, —
פאַרוויגן, וויגן און דערוויגן
וויל איך די טעג צו העכסטער רו.

2

איך פאַל פאַר אייך . . .

איך פאַל פאַר אייך. ווער ס׳האָט א פוס זאָל טרעטן ;
און אין דעם פּנים מיר זאָל יעדער שפּייען.
אוי, אפשר וועט דאָס מיין נשמה רעטן,
פון נישטיקייט מיין אָרעם הארץ באפרייען.
און קליין, אליין זאָל איך זיך לאָזן
אויף אַ באַנייטן און באַפרייטן וועג,
און נידעריקער נאָך פון גראָזן
פאַרגיין מיר זאָלן מיינע טעג.

3

טרויעריק איז מיין נשמה

טרויעריק איז מיין נשמה
און אינדרויסן — נאכט און רעגן,
כ׳וועל מיט דיר זיך, מיין נשמה,
לאָזן אין דער נאכט און רעגן.

כ׳וועל אין מיינע הענט דיך טראָגן,
אָרעמע נשמה מיינע,
אפשר וועל איך דיך דערטראָגן
צו זיין גענאָד, נשמה מיינע.

4

ס׳איז קאַלט

ס׳איז קאלט אזוי אין צימער מיינעם,
צום ראדיאטאָר גיי איך צו;
עס שלאָפן שוין מיין ווייב, מיין טאָכטער
אין ווייכן בעט, אין גוטער רו.

זאָל געבן גאָט זיי רו און פרידן,
מיר איז, אָבער, ענג און שלעכט.
און וואָס א טאָג ווערט מיר אַלץ ערגער,
אין שרעק פארגייען מיינע נעכט.

נאָר לייכטער ווערט, ווען כ׳הויב אָן שפאנען
אַרום אין שטוב אהין, צוריק.
וואָס כ׳האָב געזעען קלאָר און פראַסטיק
שפרייט נעפלדיק זיך פאר מיין בליק.

5

אָ, ווייסער פעברואר . . .

אָ, ווייסער פעברואר! אין אָונטן דיינע
קאַלט און שנייאיק איז, אָבער איך
האָב ליב שפּאַצירן גיין און פילן ווי די פיס מיינע
טרעטן אויפן האַרטן שניי. איך גיי אַזוי ארום
שעה איין שעה אויס און פיל ווי ס'ווערט
מיין האַרץ אומענדלעך גרויס
און וואונדערבאַר . . .
און כ'גלויב, אז אויב ס'איז נאָענט דאָ פאר מיר וואו א געפאַ
איז נענטער נאָך די רעטונג דאָ . . .
אָ, פעברואר! . . .

6

האַלב פינצטער אין טעאַטער...

האלב פינצטער אין טעאטער, מיינע אויגן קוקן,
כ'האָב דיך דערזען, דאָס הארץ נעמט קלאפן: מיינע!
פון ווייטן זע איך, דיינע אקסלען צוקן
און יעדער ריר אין דיר מיר ענטפערט: דיינע!

איך צי אַראָפּ דעם הוט טיף אויף די אויגן
און פון טעאַטער גיי איך באַלד אַרויס.
די נאַכט זעט אויס מיר ווי א רעגנבויגן —
אַ טויער צו א גרויס אומענדלעך הויז.

איך גיי אריין, און וואָס איך האָב פאַרנומען
געוועזן איז עס וואונדערלעך און העל,
אָ, דאמע פון מיין האַרצן! וואו איך בין געקומען
איז עס געווען פאר מיר דיין קעניגלעכע שוועל...

7

וואָרהאַפּטיק...

וואָרהאַפטיק, עס שטאַרקט אונז דאָס וואָרט דיינס,
ווי גוטער און גאָר אלטער וויין;
אַז וואויל איז צו דעם, וואָס איז זוכה
אין נאָענטקייט אין דיינער צו זיין.

עס קוקן די אויגן אים אַנדערש,
ער זעט דאָס, וואָס מיר זעען ניט,
זיין האַרץ איז א נעסט בלויז פאַר פריידן,
עס זינגט און ווערט קיינמאָל ניט מיד.

האָסטו ניט געהייסן זיין פריילעך? —
ווי זאָלן מיר פריילעך ניט זיין!
עס שכורט אונז אָן און באַרוישט אונז
דאָס וואָרט דיינס, ווי גאָר אַלטער וויין.

8

הערט אויס אָט די רייד מיינע...

הערט אויס אָט די רייד מיינע, ברידער:
האַלט שטענדיק זיך נידעריק, קליין,
און אויסגעפּוצט זאָלט איר גאָר קיינמאָל
אויף רוישיקע גאַסן ניט גיין.

דאָרט דרייט זיך אַרום דער ניט־גוטער
און ס׳ברענען די אויגן ביי אים,
אַזוי ווי די אויגן פון ווייבער
ברענען די אויגן ביי אים.

און זעט ער, ס׳האָט ווער אויסגעפּוצט זיך
און גייט זיך פאַריסן דעם קאָפּ,
דעם לאָזט ער פון אויג שוין נישט אָפּ.

ער וועט שוין מיט ווערטערלעך זיסע
פאַרפירן א שמועס מיט אים —
פאַרלאָרן איז דער שוין אויף אייביק
וואָס וואַרפט נאָר איין בליק בלויז אויף אים.

אָ, ברידער, איר זייט דאָך ניט ווייבער,
וואָס גייט איר פאַרפּוצטע אַרום?
וואָס גייט איר אויף רוישיקע גאַסן?
וואָס קוקט איר אויף אַלעם זיך אום?

זעקס לידער

ד׳אברוצי׳ן ווידמע איך די דאָזיקע לידער

1

ערשט איצט האָב איך דערפילט...

ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז ס׳איז אַוועק דער זומער
און נאָענט איז דער ווינטער שוין.
אין הויז איז מיט אַמאָל גאָר הימלעכער געוואָרן.
פון יעדן ווינקל ווייט א וואַרימקייט.
מיין ווייב, וואָס כ׳האָב אַזוי ליב,
איז מיר אַצינד נאָך ליבער.
זי גייט פאַר׳דאגה׳ט אום אין שטוב
און פּאַקט אַלץ איין די זומערדיקע זאַכן,
די ווינטערדיקע פּאַקט זי אויף.
אין מאַנטל — זאָגט זי — ווי־ניט־איז
וועסטו נאָך איבערווינטערן,
די וועש איז אָבער שלעכט אַזוי,
מען מוז שוין קויפן נייע.

דער ריח פון נאַפטאַלין
ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער.

2

אַ פֿרימאָרגן שפּאַציר

די גאַסן נאָך פֿון רעגן פֿייכטע,
ווי אַלץ איז נעפּלדיק און גרוי.
עס ווייען ווינטן מילדע, לייכטע
און מילד און לייכט איז מיר אַזוי.

גאַס איין גאַס אויס גיי איך שפּאַצירן.
ווי הימלעך קלינגט מיין יעדער טראָט.
אוי, גאָט, אַזוי זאָל אייביק פֿירן
מיך דורכן לעבן דיין גענאָד.

3

ווי דורך גרין־באַגראָזטע פעלדער...

ווי דורך גרין באַגראָזטע פעלדער
עס וואַנדערט פייפנדיק דער הירט,
ווי אין די אַלטע, טיפע וועלדער
דער לעצטער זונשיין זיך פאַרלירט;

די מילדע, גאָלדענע פאַרנאַכטן;
דער ים, ווען ס׳קומט די זון אַרויס;
דאָס אינגליש אומשולדיקע שמאַכטן,
דאָס וואַרטן פאַר דער ליבסטערס הויז;

ווי ס׳קעמפט דאָס פאָלק און פאָנען ווייען
אויף באַריקאַדן בלוטיק רויט —
אין קינעמאַטאָגראַף צו זעען
בין איך דאָס אַלעס שטענדיק גרייט.

4

אין על

כ׳הענג אויף א רימען אין על,
מיר פאַרן שנעל. ס׳איז הייס, ס׳איז ענג.
נאָר היימלעך איז מיר אין געדרענג
פון ווייבער און אַנאַנסן.
מיין בליק לויפט אומעטום אַרום;
פון זאַך צו מענטש, און באַלד צוריק
פון מענטש צו זאַך.
ווי ביי אַ הונט די נאָז איז וואַך,
און שמעקט און שמעקט,
און זאַפּט איין אַלץ, וואָס קומט איר נאָר אַנטקעגן.
און וואָס אין האַרצן איז געלעגן
פאַרשלאָפענערהייט פון יאָרן
איז אויפגעוועקט געוואָרן מיט אמאָל.

דער צוג לויפט גיך און הייזער פליען ראַש פאַרביי.
און גראָבע ווייבער זיצן אזוי פריי
און ברייט צעשפרייט די פיס
און שמייכלען עפּעס אַזוי זיס,
און קייען, דרייענדיק דאָס מויל,
פאַרשלאָפן, מיד און פויל;
און אַנדערע — איין פוס צום צווייטן צוגעדריקט,
און ליפּלעך — דין — — —
אַזוי איין פוס צום צווייטן צוגעדריקט
און ליפּן אַזוי דין — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
פון היץ ווערסטו שיר ניט דערשטיקט.
די באַן זיך וויגט
אַהער, אַהין,
און וואס עס מאַכט דיך מיד, ווי פריש געשניטן היי,
און וואַכיק, ווי ביינאַכט אַ קינדעריש געשריי,
דאָס איז דער ריח, וואָס זיך טראָגט פון זיי.

5

אַ קליינער פּאַרק מיט וויניק בוימער . . .

אַ קליינער פּאַרק מיט וויניק בוימער
און ביי דער זייט א הילצערן הויז ;
אַ ראָב אויף אים איז אויסגעמאָלן, —
ווי קינדיש זעט דאָס אלעס אויס.

און צוגעקלאַפּט איז דאָרט א בלעכל,
און אויפן בלעכל שטייט, אַז דאָ
אין אַכצן הונדערט ניין און פערציק
געלעבט האָט ע ד ג אַ ר א ל ע ן פּ אָ.

די ראָב, דער נאָמען עפּעס וועקן
פאַרגעסענעס פון לאַנג אין מיר,
און ווייל מען קען דאָס הויז באַזוכן,
אַזוי לאָז איך זיך גיין צום טיר.

אין א קימאנא רויט ווי שאַרלאַך
אַ פרוי פון פענצטער קוקט אַרויס ;
כ׳האָב פיינט אַזוי קימאנאס רויטע
אַז כ׳קער זיך גיכער אָפּ פון הויז.

איך בלייב שוין ליבערשט שטיין אין דרויסן,
איך לייג צוזאַמען מיינע הענט,
און קוק מיר אויף דעם דאַך דעם ברוינעם
און קוק מיר אויף די ווייסע ווענט.

פון פאַ׳ס אַ ליד אַ וואָרט, אַ שורה
זיך פּלאָנטערן אין מיין געדאַנק ;
וואו האָב איך זיי געהערט, געזען ?
מיר דאַכט זיך, ס׳איז שוין דורות לאַנג.

און דאָך געטרייסט האָט און געשראָקן
אין חלום מיך און אויפן וואָר
דאָס אַלץ ערשט נעכטן. ווער זיך ווען נאָך
דאָס ווידערקערן ? NEVERMORE!

6

אודאי ווייס איך —

אודאי ווייס איך, היינט איז זונטיק
און מאָרגן וועט שוין מאָנטיק זיין,
און נאָכן פרילינג קומט דער זומער,
און אונזער אָרדנונג איז א שלעכטע,
און אין ניו יאָרק וואוינט אַפּאַטאַשו,
דער שטאָלץ פון פראנקרייך איז זשאָרעס.

איך ווייס אויך פילע סודות טיפע:
דער הערצאָג פון אברוצי איז
קיין הערצאָג ניט. ר׳איז אונזער גלייכן,
און גייט זיך אָפּט אין גאַס שפּאַצירן
אין שיינע טעג; דער מאַנטל אויף דער האַנט.

איך ווייס אויך: דאַרווין האָט געטראָפן,
קאָפּערניק איז געווען גערעכט,
דאָך בעסער פון דעם אלעס ווייס איך:
איך
בין
אַ פאַרלאָרענער אויף אייביק.

1918 — 1916

אידישע מאָטיוון

1

מיר און זיי

א ווייב דאַרף צום מאַן דאָך ניט גלוסטן,
ווי ס׳גלוסט ניט צום האַרן דער קנעכט;
זיי זיינען בייטאָג ווי די טויטע,
זיי לעבן ערשט אויף אין די נעכט.

עס נעמען די אויגן זיי ברענען,
זיי ווערן פון גלוסטונג פאַרצערט;
די תאוה פון ווייבער — זי האָט דאָך
פאַרלאָשן דאָס ליכט פון דער ערד.

נאָר וואָרהאַפטיק זיינען מיר מענער,
צו זינד פירן אונז ניט די טריט.
עס גלוסט ניט צו תאוה דאָס האַרץ אונז,
עס ברענען די אויגן אונז ניט.

2

זאָלסט פאָטער און מוטער...

זאָלסט פאָטער און מוטער פארלאָזן
און זוכן א ווייב זאָלסטו דיר;
און ווען דו וועסט זי שוין געפינען,
באַהעפטן זיך זאָלסטו מיט איר.

זי איז פון דיין פלייש דאָך געקומען,
אַ ריפּ פון דיין אייגענעם לייב,
און, אז ס׳זאָל א דור נאָך דיר אויפשטיין,
זאָלסטו באשלאפן דיין ווייב.

3

ווען ס׳גייט אַ קינד . . .

ווען ס׳גייט אַ קינד אַ זכר פון מוטערס לייב,
האַלט דעם קאָפּ ער שטענדיק אָפּגעקערט.
עפּעס פילט ער שוין, ווי ר׳איז פון ערד געקומען,
אַזוי צוריקגיין מוז ער צו דער ערד.

ווייבער נאָר, וואָס ווייסן און געדענקען גאָרניט
און וואָס האַלטן זיך אָן בושה גרויס,
גייען מיט די קעפּ אַרויפגעריסן
פון דער מוטערס לייב אַרויס.

4

וואַכט אויף! וואַכט אויף!

און יעדער גראָז און בוים און וואָרעם
הויבט אויף מיט לויב זיך צו זיין גנאָד.
וואָכט אויף, וואַכט אויף, אומריינע ווייבער,
ווי לאַנג ס'איז צייט נאָך, בעט צו גאָט!

נאָר ניט קיין תפילות זאָלט איר בעטן,
גאָט וויל אזוי: טאָג אויס טאָג איין,
פאַר אייער מאַן זאָלט איר נאָר זאָרגן
און אונטערטעניק צו אים זיין.

פריילעך ווערט אַזוי . . .

פריילעך ווערט אזוי, וואָס באַלד שוין ווידער
ווערן קומען זומערדיקע טעג.
פונקט ווי פאר אַיאָרן ווידער
וועלן זיין דאָ ווארעם־מילדע טעג.

אויסטאָן וועל איך קענען באַלד דעם מאַנטל
און ניט טראָגן מער קאלאָשן;
גוט אַזוי איז אָן אַ מאַנטל,
אָן די נאַרישע קאלאָשן.

און ווען ס׳פאַלט שוין אויך אַ רעגן
איז ניט נויטיק גאָר קיין שירעם,
צו אַ זומערדיקן רעגן
איז ניט נויטיק גאָר קיין שירעם.

לייכט די טראָפּנס זיינע פאלן,
ווי דאָס פלאַפּלען פון א קינד —
זאָל אין יעדן הארצן פאלן
ווערטער, שמייכלען פון א קינד!

וואונדערבאַרע ווערטער . . .

וואונדערבאַרע ווערטער,
נויגט צו מיר זיך צו,
וואָרט, דו לאַנג באַגערטער,
לאַנג געזוכטע רו !

שווייגנדיק זיך דרייען
אָט אַזוי זיך דאָ,
זען, ווי עס פאַרגייען
רואיק שעה נאָך שעה.

און פון אַלעם טראַכטן
לייכט אַזוי און העל ;
זיצן די פאַרנאַכטן
מיט דער ווייבביים שוועל.

עס בילן אין דרויסן די הינט . . .

עס בילן אין דרויסן די הינט,
עס טרייסלט די שויבן דער ווינט.
און אפשר ליגן רואיק אויף די קייטן אַלע הינט
און אויף א צווייג וואו דרימלט שטיל דער ווינט,
נאָר מיר איז שלעכט אזוי אַצינט,
ווי אין דעם מח מיינעם וואָלט געטרייסלט זיך דער ווינט,
און אין די אויערן מיינע וואָלטן בילן הינט.

עס איז ניט קאַלט . . .

עס איז ניט קאַלט, דאָך מיינע גלידער
נעמט דורך די דינע אָונט־קעלט;
איך גיי ארום א לייכט־פאַרטראַכטער
אין פייכטן, ליימיק־ווייכן פעלד.

אין הימל שווימט דאָרט א לבנה
און שטערן לויכטן איבער מיר.
דאָך וואָס באַרואיקט און עס טרייסט מיך,
לאָמטערן געלע, דאָס זייט איר!

אַ מענטשנס האַנט האָט אָנגעצונדן
און היט די גאַנצע נאַכט אייך אָפּ.
אָ, פאַרלאָמטערנדיקטע טאָלן,
איך לאָז צו אייך זיך איצט אַראָפּ.

דער ווינט באַוועגט די קליידער מיינע,
דער ווינט בלאָזט קיל מיר אין געזיכט,
און אין מיין האַרץ איז אויפגעגאנגען
אַ גרויס און וואונדערבאַרעס ליכט.

יולי טעג...

יולי טעג.
שווערע, שטיקנדיקע היצן.
גוט אַזוי ביים ים איצט זיצן
ווייט אַביסל פונם ברעג.
אײַנזלען טיף באַוואַלדטע
דאָ און דאָרטן ליגן . . .
בוימער שווערע, אַלטע,
איבער מיר זיך וויגן.
ווינטן פון דער ווייטן גייען,
שטילע, קילע,
דורך די האָר מיר, דורך די קליידער ווייען,
ווייען, ווייען, ווייען . . .

אַ גרויסע פּור מיט האָלץ האָב איך . . .

אַ גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך
געקויפט מיר און צעזעגט,
צעהאַקט עס אויך, אַוועקגעלייגט
און גוט עס צוגעדעקט.

עס צוגעדעקט אַזוי, עס זאָל
קיין רעגן ניט אַריין:
פון נאַסן האָלץ וועט קיינמאָל ניט
קיין גוטער פייער זיין.

נאָר קוילן דאַרף מען קריגן אויך,
ווייל האָלץ מאַכט אויס צו טייער.
דאַרפסט שייטלעך לייגן איינס נאָך איינס,
ווען ווילסט א גוטן פייער.

ערשט איז עס גוט אויף קאָכן נאָר
און ס׳קען דיר ניט געראָטן,
ווען ווילסט אַן קוילן באַקן וואָס,
צי גאָר אַן ענטל בראָטן.

די ברייטע העל־פּאַרגראָזטע געגנט . . .

די ברייטע העל־פּאַרגראָזטע געגנט
האָט אויפגעשמעקט אין שטוב ביי מיר,
איך גיי ארויס פון צימער מיינעם
און זעץ אַוועק זיך נעבן טיר.

די ענטלעך גייען אינם פעלד אום
און טונקען זיך אין וואַסער איין;
איך הויב דעם קאָפּ אויף צו דעם הימל
צו זען צי ס'וועט א רעגן זיין.

ס'וועט זיין, ס'וועט זיין! . . . די לופט ווערט פרישער.
די לופט ווערט קיל, די לופט ווערט טיף.
פּאַמעלעך לאָז איך צו דער פּאָסט זיך,
צו זען צי ס'איז פאַראַנען בריף.

ס׳איז הייס אין שטוב . . .

ס׳איז הייס אין שטוב. איך קען ניט שלאָפֿן.
איך טו זיך אָן. איך גיי אַרויס.
מיט בוימער, גראָזן און לאַמטערן
שפּרייט מילד און לייכט די נאַכט זיך אויס.

איך זעץ אַוועק זיך אויפֿן ברונעם.
ס׳איז קיל און שטיל. עס גייט דער ווינט
דורך מיינע האָר, ווי שלאַנקע פֿינגער;
שוין האָבן מיך דערשמעקט די הינט.

באַלד קומט אָן טעדי און ס׳קומט פֿרעדי,
מיט וויפֿיל ליבע גלעט איך זיי! —
כ׳וועל ניט צוריקגיין אין דער שטוב שוין,
כ׳וועל דאָ נעכטיקן אויפֿן היי.

איך און מיין הונט

1

פון דרום ווייען ווינטן,
באַלד וועט אַ רעגן זיין;
ס׳איז גוט וואָס ס׳ווייען ווינטן,
וואָס ס׳וועט א רעגן זיין...

איך בין אַזוי פאַרמאַטערט,
כ׳בין שוואַך אַזוי און מיד;
די היץ האָט מיך פאַרמאַטערט
און האָט מיך אויסגעמידט.

אין ווינקל ליגט זיך ליאַ,
און אָטעמט, אָטעמט שווער;
אויך דיר, מיין גוטער ליאַ,
איז פון דער היץ צו שווער.

דאָך באַלד וועט זיין אַ רעגן,
שוין שטאַרקער בלאָזט דער ווינט;
דו ווייסט דאָך, ס׳גייט א רעגן
ווען ס׳ווייט א דרום־ווינט.

2

דו גייסט אַרום זיך, ליאַ,
און דרייסט אַלץ מיטן עק;
אויף גאָרנישט פּטר׳סט, ליאַ,
די בעסטע דיינע טעג.

וועסט מעלאַנכאָליש ווערן
און פאַר דער צייט זיין אַלט;
פון טראַכטן און פון קלערן
וועט ס׳האַרץ דיר ווערן קאַלט.

און וואָס וועסט איצט פארלירן
קומט קיינמאָל ניט צוריק;
די הערלעכסטע מאַנירן
זיי ברענגען ניט קיין גליק.

זיי, ליאַ מיינער, מונטער,
ניט גריבל זיך צופיל!
ביל אַלע ווילע אונטער,
דען אלץ איז בלויז אַ שפּיל.

פ אַ ר אַ נ ע ן ל י י ט...

פאַראַנען לייט, וואָס ווילן שטענדיק רייזן
און קליין איז נאָך פאַר זיי גאָטס גרויסע וועלט.
דאָך מיר איז גוט אַזוי דאָ אומצושפּרייזן
אין דעם פאַרטאָלטן און פאַרבערגטן פעלד.

כ׳האָב היינט אַזויפיל אָנגעקליבן בערן,
אַז ברענגען זיי איז מיר געוועזן שווער.
איצט רו איך אויס. אין שיין פון די לאַמטערן
די צווייגן וויגן זיך אַהין, אַהער.

אַ רואיקער, אין טיפן גראָז פאַרבאָרגן,
האָב איך זיך אין דער גאַנצער גרויס צעשפּרייט,
נאָך קראַבן צו דעם טייך גיי איך מיר מאָרגן,
אַ קארב און פלייש האָב איך שוין אָנגעגרייט.

דו מיין ניטדאַאיק גליק

1

אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג . . .

אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג
אָ, וויג מיך שעה נאָך שעה,
דו, מיין ניטדאַאיק גליק,
ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ.

איך פיל אין יעדן ריר,
אַ גוטע, ווייטע פרייד,
אַז דו האָסט איבער מיר
די פליגלען אויסגעשפּרייט.

ס׳ווערט גוט אַזוי און לייכט,
(אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג!)
גלייך ווי פון טוי איז פייכט
און גלאַנצנדיק מיין בליק —

אָ, ווייט, ניטדאַאיק גליק.

2

פ אַ ר אַ נ ע ן   וו ע ר ט ע ר...

פאַראַנען ווערטער וואונדערבאַרע, דינע,
קוים זאָגסטו זיי, ווערט לייכטער דיין געמיט.
זיי זאָגן אָבער זאָגסטו קיינמאָל ניט;
אַמאָל נאָר, ווען דו הערסט אַליין ניט דיינע רייד,
דיר פאַלן זיי גלייכגילטיק פונם מויל.

דו ווייסט אפילו ניט דערפון, ערשט שפּעט נאָכדעם
דערזעסטו, אַז מיט דיר איז וואונדערבאַרס געשען;
דו רעדסט אַזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט גערעדט,
דו זעסט אַזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזען,
און אַלץ, צו וואָס דו רירסט זיך צו, איז פרייד און פרייד —
אָ, ווערטער וואונדערבאַרע, דינע.

3

ווער פירט די אַלע שיפן...

צו אָלדד'ס אנדענק

ווער פירט די אלע שיפן,
וואָס גייען אינם ים ? —
גאָט פירט די אַלע שיפן,
וואָס גייען אינם ים.

ווער שיקט די לינדע ווינטן,
וואָס ווייען אָוונט־צייט ? —
גאָט שיקט די לינדע ווינטן,
וואָס ווייען אָוונט־צייט.

ווער שפילט זיך מיט די קינדער,
און טייל נעמט־צו צו זיך ? —
גאָט שפילט זיך מיט די קינדער
און טייל נעמט ער צו זיך.

און ווענען הערט מען זינגען
אַרום אונז אַלע מאָל ? —
די קליינע קינדער זינגען
אין הימל אלע מאָל.

4

פאר אונזער חרוב אידיש לעבן . . .

פאַר אונזער חרוב אידיש לעבן
פאַל איך און בעט פאַר דיין גענאָד !
איך וויין אויף אונזער מאמע־ווילנע,
אויף קאָלאָמעא און אויף בראָד,

אויף וואַרשע, קאָוונע, קאַליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס׳איז דער שונא שוין באַפאַלן,
וואָס שפּעטער נאָך באַפאַלן וועט.

אויף יעדן אידיש שמוציק געסל,
אויף יעדער קראָם וויין איך און קלאָג.
אויף יעדער שענק, לאָמבארד און קרעטשמע,
אויף אונזער פאַלשער מאָס און וואָג ;

אויף יעדן אידיש פריילעך הייזל,
וואָס אין אַ גויאיש שטעטל שטייט —
אויף אַלץ וואָס איז געווען אונזערס
און מיטן רויך אצינד פאַרגייט.

ס׳איז ריין און העל אַלץ, וואָס ס׳איז אידיש !
דאָס אָר׳מע לעבן בוי צוריק !
און די פאַראומערטע נשמות
מיט אַ ניטדאַאיק וואָרט פאַרוויג.

די רויטע פאָן

ריזלען

איידער ס׳שפּראָצט אַרויס דער קאָרן,
ליגט דער זאמען אין דער ערד;
אונזער פאָן פון פרייד און צאָרן,
ציטעריק געשפּונען ווערט.

צוגעשלאָסן טיר און טויער
און דעם לאָדן פעסט פאַרמאַכט,
אין אַ צויבער־שרעק און טרויער
שפּינען מיר די פאָן פון מאַכט.

האָבן מיר ניט אויסגעוועבט זי?
און געפאַרבט זי האָבן מיר!
דאָך אונז אלעמען באלעבט זי,
מאַכט אונז קניען שטיל פאר איר!

אַ געבעט

עס בעטן מוטער, ווייב און קינד,
עס שרייען זייערע טרערן,
דאָך ניט פאַרנעם עס, גאָט, אַצינד,
דו זאָלסט עס ניט דערהערן.

גאָר אויף דאָס ניי דיין גנאָד באַווייז
דער קעניגן פון ימען,
דער שונא זאָל מיט זיינע מייז
דעם וועג איר ניט פאַרצאַמען.

און מאַך דאָס האַרץ אונז קאַלט און טויב,
ווי שטיין, ווי שטאָל, ווי אייזן;
באַהאַלט די ווייסע פרילינגס-טויב,
זאָלסט זי אונז איצט ניט ווייזן.

פון אַלע טויבן ווייסער איז —
ווען ס'נעמט בריטאַניען זיגן!
ווען ס'וועט באַפרייט צו אירע פיס
ירושלים ליגן.

וואַך אויף, וואַך אויף, דו אַלטע ערד,
דו ביסט נאָך ניט פאַרלוירן!
דו ווערסט דורך בלוט, ווערסט דורך דער שווערד
אַצינד אויף ס'ניי געבוירן!

מיליאָנען קעלן שרייען הויך,
מיליאָנען הערצער בעטן:
באַווייז זיך אין האַרמאַטן רויך,
אין קלאַנג פון באַיאָנעטן!

אַ היינטיק וויג־ליד

קאַלט איז דער לבנה־שיין —
אינגל מיינער, דרימל איין.

קיינעם גיט די נאַכט קיין רו —
אינגל, מאַך די אויגן צו.

אין דערוואַרטונג און אין שרעק
גייען אונז די טעג אַוועק.

ניט דער האַרבסטיק־בייזערווינט
אין דעם קוימען וויינט אַצינד,

ניט פאַר הונגעריקע וועלף
הערט מען ווייטע קולות: „העלף!" —

אינגל! ווי די שטיינער — שטום,
דרייען דייטשן דאָ זיך אום.

שרעק אויף יעדן וואַרפן זיי,
לאַנגע שווערטן שאַרפן זיי.

שוינען קליינע קינדער ניט,
און דער טויט גייט מיט זיי מיט,

און עס ענדיקט זיינע טעג
דער, וואָס קומט זיי אויפ'ן וועג.

אַ דייטשע שווייטיקע קאַסקע

און גייענדיק פאַרביי וויטרינען,
האָב איך זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט,
געווען איז דאָרטן אויף אַ טישל
אַ דייטשע קאַסקע אויסגעשטעלט.

די קאַסקע איז אַזוי געלעגן,
אַז קוקנדיק פון גאַס געזען
האָסטו איר אינווייניק אינגאַנצן:
פון שווייס איז זי באַפלעקט געווען.

אַ קאַסקע פון אַ דייטשן זעלנער,
וואָס איז געפאַלן אין אַ שלאַכט,
און פאַר גלייכגילטיק־קאַלטע אויגן
האָט מען זי דאָ אַהער געבראַכט.

און אויפן טראַטואַר די מענטשן
שפּאַצירן זיך אַהין, אַהער.
דער מילדער אָוונט ווערט אַלץ מילדער
און דו, דו טראַכסט פון איר ניט מער.

און אַלץ ווערט דיר אַזוי פאַרשטענדלעך.
ווי גוט און שיין, גאָט, איז דיין וועלט!
אַ ווײַלע בלויז — און אין אַ פענצטער
וועל איך אויך זיין וואו אויסגעשטעלט.

די מאַטראָזן

עס מוז איטלעכס האַרץ זיך דערפרייען,
דאָס האַרץ, וואָס קען פריילעך נאָך זיין,
ווען ס׳זעט די מאַטראָזן, וואָס דרייען
ביי אונז זיך גאָס אויס און גאָס איין.

און לייכטע און יונגע אין בלויען
באַוועגן זיי זיך אַזוי פלינק,
נאָך בויגיקער, שלאַנקער פון פרויען,
ווי אינגלעך צען־יעריקע — גרינג.

און קינדיש־פאַר׳חלומטע אויגן,
דאָך שאַרף זאָגט דער קינדישער בליק:
זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט בויגן,
זיי מאַכן קיין טראָט ניט צוריק.

און מעגן די טעג זיין ווי בלוטיק,
און לויערט דער טויט אויפן וועג,
זיי גייען זיך פריילעך און מוטיק
אַנטקעגן די קומענדע טעג.

עס וועט זיי קיין זאַך ניט דערשרעקן,
און לייכט וועלן זיי אינם קריג
מיט ערע און רום זיך באַדעקן —
זיי וועלן אונז פירן צום זיג.

אָ, לייכטע, אָ, יונגע, אין בלויען
באַוועגן זיי זיך אַזוי פלינק;
נאָך בויגיקער, שלאַנקער פון פרויען,
ווי קינדער צען־יעריקע — גרינג.

ב ע ל ג י ע

אָ, הייבט די קולות אויף און קלאָגט מיט מיר צוזאַמען:
דערנידעריקט ליגט נאָך די גאַנצע וועלט אין שטויב!
נאָך קען מען ניט דעם ווילד־צערייצטן פּרייס פאַרצאַמען,
ניט איינער וועט נאָך זיין דער בייזער חיה׳ס רויב.

דאָך ווי עס זאָל ניט זיין דאָס וואָרע האַרץ דערשלאָגן
אין ווילדן שרעק פאַר נייעם אומגליק און געפאַרן,
וועט שטענדיק איבער אונז זיך ווי אַ בשורה טראָגן
די אומפאַרגעסלעכע און גרויסע טעג ביי מאַרן.

און מעג אַ האַלבע וועלט דערשטיקט זיין און צעפּרעסן,
מעג זיגן נאָך דערווייל דער עקלהאַפטער הון —
דאָס האַרץ וועט אָבער קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן
די וועלט־דערפרייענדיקע טעג פון ביי־ווערדון.

עס נענטערט זיך דער גרויסער יום־הדין! פאַרבלענדטע,
ניט הערט איר פון דער ווייט זיין וואָרהאַפטיקן טראָט?
פאָרויס, פאָרויס פאַר אונז גייט בעלגיע די געשענדטע,
די יונג־פרוי גייט אין אַלערהערלעכסטן גענאָד.

און יעדער גליד אין איר צעביסן איז, צעריסן,
נאָר ריין דער בליק און שטאָלץ געהויבן איז דער קאָפּ —
אַזוי נאָר קוקן קען אַן אומבאַפלעקט געוויסן,
וואָס בויגט פאַר רויער קראַפט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ.

אָ, דו וואָס האָסט דערהאַלטן פון דער וועלט די ערע,
אָ, בעלגיע! און דערביי אַליין זיך איינגעשטעלט, —
דו ביסט די גרויסע טרייסט אין אָט די טעג די שווערע,
דער שטאָלץ, די פרייד פון דער דערנידעריקטער וועלט!

צו בריטאַניע

און דער השגחה׳ס האַנט צוזאַמען
האָטביידן אונז צונויפגעפירט;
אינאיינעם איצט צוויי הערצער פלאַמען
און יעדע גרענעץ זיך פאַרלירט.

און פול מיט בענקשאַפט שמאַכט דער ווילן
נאָך דעם, וואָס גרויס־בריטאַניע וויל;
דער קעניגן פון ימים׳ס צילן,
זיי זיינען איצט דאָך אונזער ציל.

די אויסגעלאַכטע פאָן פון ציון
בריטאַניעס שטאָלצע פאָן באַגלייט;
ווי האַלב־פאַרשעמט הויבט ס׳האַרץ אָן גליען
פון צוגעזאָגטער, גרויסער פרייד.

מיט רום וועט דיין געוועהר נאָך שטראַלן,
די ימים בלייבן טרייע דיר,
נאָר איז באַשערט בריטאַניע פאַלן,
זאָל שטאַרבן אונזער טרוים מיט איר.

דאָך ווייס דאָס האַרץ: ס׳וועט ענגלאַנד זיגן,
ס׳וועט אונזער ציון ווערן פריי.
ניטדאַאיק, רואיק ווידער וויגן
וועט זיך דאָס לעבן פון דאָס ניי!

אָדע

פון שטויב האָסטו זיך אויפגעהויבן,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
און הויך אַריבער אַלעם האָסטו זיך דערהויבן,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
אַז וואויל איז צו דער נאַכט, ווען ס'האָט דיין פאָטער דיין מוטער גענומען,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
אַז וואויל איז צו דער שעה, ווען דו ביסט אויף דער וועלט געקומען,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
אַז וואויל איז צו דיין בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן איצט געוואָרן,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
הלואי ווי ד ו נאָך זאָלן טויזנטער איצט גיין פאַרלאָרן,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
פול מיט פרייד, פול מיט האָפנונג שטייען מיר איצט אויף דיין קבר,
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!
זאָל פאַראייניזאַמט נאָר, איין־איינציק איצט ניט בלייבן אונז דיין קבר, —
ניל פרימראוז, ניל פרימראוז!!

אויב קריג איז קריג

אויב קריג איז קריג, פאַרוואָס קלינגט ווי א תפילה,
פאַרוואָס איז ווי דער מוטערס ווערטער טייער
די בשורה, ווען עס זיגן ענגלאַנדס וואָפן,
די בשורה, וואָס באַגלייט פון בלוט איז און פון פייער?

אויב בלוט איז בלוט, ווי קענען מיר נאָך לעבן,
ווען ס'טרינקט די וועלט אין בלוט זיך און אין טרערן?
פאַרוואָס אויף דייטשן באָדן אַליאירטע וואָפן
ווילסט ליבערשט ווי משיח'ס שופר הערן?

אויב אַלץ איז איינס, פאַרוואָס ווערט ס'האַרץ פאַרציטערט
בלויז ביים געדאַנק, אַז ס'זיגן דייטשע וואָפן?
אויב אַלץ איז איינס, דאָך ווילסטו ניט דערלעבן
די שעה, ווען דייטשלאַנד וועט די וועלט פאַרשקלאָפן!

יאָ, קריג איז קריג און בלוט איז בלוט מסתמא,
דאָך זיינען אלע אמת'ן אַ ליגן
אין אַנגעזיכט פון זיג, וואָס וועט באַלד קומען,
ווען דייטשלאַנד וועט פאַר אונז צעשמעטערט ליגן!

און דיסקוטירנדיק ביים טיש ...

און דיסקוטירנדיק אין דער קאפע ביים טיש
די ראַלע, וואָס עס שפּילן אינם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סאָבמאַרינען און די לאַגע פונם טערק,
און ס׳אַראָ ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דער דיסקוסיע דערפילט
ווי ס׳קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגן דיינע.
כ׳האָב אומגעדרייט צו דיר מיין קאָפּ און כ׳האָב דערזען
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן!
און קלאָר געוואָרן איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס׳פליען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס׳שווימען טיף די סאָבמאַרינען,
אַז ס׳זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף־כל־סוף וועט עפּעס ווערן מיטן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען, —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונז?

אַ ווינקל פון דיין מויל אַן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפילט דאָס זעלביקע וואָס איך?

ניט מיר!

וועס האָט געקושט דעם מאַסקאַלס הינטן? —
ניט מיר! דאָס האָט דער בראַווער פויל!
וואו דרייט אַ צונג זיך ווי אַ ווײדל?
אין שלאַכטשיצ'ס דינעם, צאַרטן מויל.

אַ, לאַנד פון שלעכטע קאָמעדיאַנטן,
מיט לומפּעררייען ביסטו זאַט!
דו ביסט ניט דורך דער שווערט געפאַלן,
דו ביסט געפאַלן דורך פאַראַט!

און „יעסטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ"
ס'איז פּוילן ניט פאַרלוירן, ניין!
ווייל אַזוי לאַנג ווי ס'לעבט חניפה,
קען פּוילן דאָך ניט אונטערגיין!

טאַנדעט־געשאַפענע מלוכה!
דו גולם פון אַ נייעם שניט!
אויף פּראַגער בוידעם ליגט דיין גלייכן —
אַ, ליבער פויל, דו ווייסט עס ניט?

אין דער גרויסער שעה

האַלב טונקעלע פאַרגאַנגענהייט,
נעמסט מיינע אויגן בלענדן:
איך זע בלויז דיך, דו ריטער־צייט,
וואו נאַר כ׳זאָל זיך ניט ווענדן.
כ׳זע ריטער, ריטער אומעטום
אויף גאַסן, באַנען, וועגן;
און דולצינעא אין איר רום,
קומט שמייכלענדיק אַנטקעגן.

ס׳איז עפּעס גרויסעס אין אייך דאָ,
גרוי־ברוינלעכע מונדירן!
אָ, זיי געבענשט, דו וואונדער־שעה
פון שטילן רעזיגנירן,
ווען איינגעהילט אין קאַלטער רו,
אין אומגעציילטע רייען,
אין וויטן פראנקרייכס ערגעץ־וואו
מאַרשירן די ארמייען.

קיין פרייד, קיין שרעק אין אָנגעזיכט
פון טויט איז ניט פאַראַנען,
געדולדיק טוט מען נאָר די פליכט,
וואָס איז איצט אויפגעשטאַנען.
דער גורל, וואָס איז אונז באַשערט,
וועט ניט פאַרמידן ווערן!
זיי גרינג צו דעם, ליב־פראַנקרייכס ערד,
וואָס וועט צוריק ניט קערן.

ווער ווייס צי גוט עס איז צי שלעכט —
מיר ווילן גאָרנישט וויסן.
דאָך איז אויף אונזער זייט דאָס רעכט,
דער יושר און ס׳געוויסן,
און איינגעהילט אין קאַלטער רו,
אין אומגעציילטע רייען,
אין וויטן פראַנקרייכס ערגעץ־וואו
מיר גייען, גייען, גייען . . .

פאַרן זיג

עס קוקן אַן דיך טרויעריקע אויגן,
אַ הונגעריקע שרעק דיך היט און היט, —
די זקנים זיינען מערער איינגעבויגן,
און עפּעס שטילער ווערן זייערע טריט.

געוואָרן זיינען לופטיקער און בלייכער
די פרויען אונזערע די לעצטע צייט;
די מילדע שטימען קלינגען מילדער, ווייכער,
ווי נאָר אַן אָפּקלאַנג פון דער ווייט.

און אַלט די קינדער פאַר דער צייט אונז ווערן,
און קלוג אַזוי איצט זיינען זייערע רייד,
זעסט איצט ניט מער אין זייערע אויגן טרערן,
הערסט אין די ווערטער זייערע ניט קיין פרייד.

און ס'איז דער טויט אונז נאָענט אַזוי געוואָרן,
גלייך ווי א מוטער אין די פריסטע טעג;
מיר האָבן מיט אַמאָל פאַר אים פאַרלאָרן
דעם נאַרישן, דעם איינגערעדטן שרעק.

זאָל זיין, ער קומט צו גיין צו אונז אין שוואַרצן
און ווייזט זיך קיינמאָל ניט אין בלוילעכן קאָליר, —
אין טרויער גייט דאָך אום די דאַמע פון מיין האַרצן,
און זי ברענגט פרייד, און זי ברענגט טרייסטונג מיר!

דו ביסט פֿאַרביי מיר דורכגעגאַנגען

דו ביסט פארביי מיר דורכגעגאַנגען
אין וואונדערבאַרער, שטילער רו,
איך בין נאָך דיר נישט נאָכגעגאַנגען,
כ׳האָב נישט געוואוסט, אז דאָס ביסט דו.

אַזוי פארפלאָסן זיינען יאָרן,
נאָר איינמאָל אומגעריכטערהייט
איז לויטער מיר מיין האַרץ געוואָרן
פון אַ ניטדאָאיק־מילדער פרייד.

און כ׳האָב דערפילט, וואָס ס׳זאָל ניט ווערן
און וואָס מיט מיר זאָל ניט געשען:
די דאַמע פון מיין האַרץ וועט הערן,
די דאַמע פון מיין האַרץ וועט זען.

אָ ו ו נ ט   א י ן   ק ע ל ע ר

— דו ביסט מיינע? — איך בין דיינע.
— דו ביסט מיינער? — יאָ.
— רעד, כ'האָב ליב די שטימע דיינע.
— רעד איך שיין דען? — יאָ.

— כ'דאַנק דיר פאַר די גוטע ווערטער,
דו האָסט מיר דערפרייט מיין האַרץ.
— יאָ, ס'איז אמת, קענסט מיט ווערטער
מאַכן פריילעך איטלעך האַרץ.

— ווילסטו נאָך א ווײַלע בלייבן
אָדער ווילסט אַהיים שוין גיין?
— איך וויל נאָך א ווײַלע בלייבן
ס'ווילט זיך מיר אַהיים ניט גיין.

— ווייסט, ס'איז גוט דאָ אינם קעלער
אָוונט־צייט ביים קריגל וויין.
— יאָ, ס'איז גוט דאָ אינם קעלער
אָוונט־צייט ביים קריגל וויין.

— וואו האָב איך דיך אויסגעפונען,
וואו ביסטו ביז איצט געווען?
— זאָג, וואו האָב איך דיך געפונען,
וואו ביסטו ביז איצט געווען?

הויב אַ ווײַלע אויף די אויגן,
איך וויל קוקן איצט אין זיי.
— גוט, איך הויב אויף מיינע אויגן,
דו זאָלסט קוקן איצט אין זיי.

דיינע פיס

דיינע פיס,
דיינע פיינע, קליינע פיס,
ווייכע, בלייכע, צאַרטע הענט,
פינגער לאַנגע, באַנגע, דינע,
אויגן — רויטלעך־גרינע,
בלאַסע — האַלב־פאַרוועלקטע ליפּן,
מאַטע, גלאַטע האָר.
און דיין האַלז, וואָס בויגט זיך שטענדיק אין אַ זייט —
וואונדערבאַרע —
פרייד ווייט פון דיר —
וואונדערבאַרע — — —

צו אַ דאַמע אין אַ גרויסן הוט

פון גרויסן הוט פאַלט אויף דיין שטערן
און אויף אַ העלפט פון דיין געזיכט
אַ טיפער שאָטן. שאַרפער קוקן
די קנייטשן פון אַרום דיין מויל.
דו ביסט נאָך יונג, אינגאַנצן איבער דרייסיק,
דאָך איז דיין יוגנט ווייט שוין הינטער דיר,
און דיינע שוואַרץ־פאַרגרויטע האָר פאַרואיקן
נאָך מער דיין רואיקן און לענגלעכן געזיכט.
אָן רייץ שוין זיינען דיינע ברוינע אויגן,
דיין הויכער, ווייסער האַלז און דיינע פיינע פיס.
שוין קלינגט דיין שטימע קאַלט אַזוי און טרויריק, —
נאָר מיין נשמה ציטערט, ציטערט, ציטערט,
זי ציטערט, ציטערט אַלץ נאָך דיר.

אַ געבעט

און צייטנווייז מיין האַרץ וויל נאָך
זיך איפּן מזל קלאָגן ;
לאָז זוכה זיין, איך זאָל דיין יאָך
מיט פרייד און ליבע טראָגן.

כ׳זאָל ווי אַן אָקס טאָג אויס טאָג איין
אין שפּאַן ארומגיין רואיק,
און זאָלן דאָ די טעג מיר זיין
פאַרשלייערט און ניטדאָאיק.

אָקטאָבער

די טעג, זיי זיינען אומעטיקער, גרויער,
דער טרויעריקער אָקטאָבער איז שוין דאָ;
עס ווייט מיט פיינלעך־שווערן טרויער
מיין יעדע שעה.

איך וויס, איך וויס: פון טויזנטער געשטאַלטן,
וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אויף מיין וועג,
האָט דיך, בלויז דיך נאָר אויפגעהאַלטן
מיין אָרעם האַרץ, ווי אין די ערשטע טעג.

איך האָב דיך ליב. נאָך צוקן מיינע גלידער.
עס קנייטשט מיין מויל זיך טיף און שאַרף נאָך איין:
אָ, דו וועסט צו מיר קומען ווידער,
וועסט מיט מיר זיין.

אָ, קום צו גיין. עס הויבט שוין אָן צעפאַלן
דאָס אַלץ, וואָס האָט אונז לאנג אַזוי צעשיידט,
באַלד איבער אונז וועט איבערשטראַלן
זיין גרויסע וואָרהאַפטיקע פרייד!...

אין קינעמאטאָגראַף

„ווי אייביק נאַריש זיינען דאָס די פּרויען"
— ר. אייזלאנד.

די בילדער לויפן שנעל איינס נאָכן צווייטן.
ס'איז שווער צו אָריענטירן זיך, באַזונדערס, ווען דיין שכנה
האָט לאַנגע, דינע פינגער און האָט פּיסלעך קליינע,
און רואיק וויל ניט שטיין איין פיסל ביי דעם צווייטן.

דו האָלטסט זי יאָ און האַלטסט זי ניט אָרומגענומען.
מינוטן לויפן וואונדערלעכע, זיסע,
— „מיר ווילט זיך זיין אַ קינעמאַטאָגראַף־אַקטריסע".
דיין האַנט האָט פעסטער זי אַרומגענומען.

זי הויבט א בליק אויף פול מיט פרוילעכן פּאַרטרויען
און ס'ווערן נאָכגיביק אזוי די רונדע גלידער
און אויף דיין פנים פאַלן אירע האָר אַנידער.
דו מורמלסט שטיל אַ שורה פון דיין חברס לידער:
ווי אייביק נאַריש זיינען דאָס די פּרויען.

גלייך ווי קינדער אין אַ ראָד . . .

גלייך ווי קינדער אין אַ ראָד
דרייען מיר זיך, דרייען,
וואונדערבאַרע. קיינער האָט —
קיינער וועט ניט זעען,
אַז אינמיטן פון א ראָד
דרייען מיר זיך, דרייען.

האַלטן פאַר די הענט זיך ניט.
אומזיכטבאַרע קייטן
האָבן פעסט אונז צוגעשמידט
איינעם צו דעם צווייטן,
און באַפרייען קען זיך ניט
קיינער פון די קייטן.

דריי זיך, דריי זיך, כישוף־ראָד,
זאָל דאָס אייזן קלינגען!
פון דער ווייטן די גענאָד
הער איך שטיל שוין זינגען,
נענטער, נענטער, אַלץ צום ראָד,
וואו די קייטן קלינגען.

צו...

לאָמיר איינס זיך ס׳צווייטע לויבן,
יאָ צי ניט פאַרדינטערהייט;
זאָל פון אַלעס, וואָס מיר טוען
שטראָמען אומגעצאמטע פרייד.

אויב דו כאַפּסט די מאָס אַריבער
און דו לויבסט צופיל — איז וואָס?
שטילער זיינען מיר פון וואַסער,
נידעריקער נאָך פון גראָז...

און דער טאָג, וואָס גייט פאַריבער,
קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק,
און מיר אַלע, אַלע לעכצן
נאָך א גוטן וואָרט און בליק.

זאָלן אַלע ווערטער גוט זיין,
אַלע בליקן — פול מיט פרייד!
איינער זאָל דעם צווייטן שטענדיק
זאָגן גוטע, ליבע רייד.

נשמה מיינע

נשמה מיינע, דו ביסט אַזוי פריילעך,
נשמה מיינע, פול ביסטו מיט פרייד.
— די זוניקע טעג, זיי מאַכן מיך פריילעך,
די מילדע פאַרנאַכטן, זיי ווייען מיט פרייד.

נשמה מיינע, אַלץ ווערט באַלד פאַריבער,
באַלד קומט שוין דער נאַסער, פאַרעגנטער האַרבסט.
— אַז וואויל איז, וואָס ס׳גייט שוין דער זומער פאַריבער
און ס׳קומט שוין דער נאַסער, פאַרעגנטער האַרבסט.

נשמה מיינע, איך בין אַזוי טרויעריק,
נשמה מיינע, איך בין אַזוי מיד.
— אַז ווי איז און ווי איז צו דעם וואָס איז טרויעריק
און איז פון דעם לעבן, דעם הערלעכן, מיד.

איז דער הייליקער בעל שם טוב ...

איז דער הייליקער בעל שם טוב אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט און פראַסטיק האָבן געבלאָזן די ווינטן,
אַז ס׳האָבן געגומען אים פרירן די גלידער,
און ס׳האָט מיט פארפראָרענע גלידער
דער הייליקער בעל שם טוב געעפנט די לעפצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געוועזן
„דיין ווינט זאָל אמאָל אים באַרירן,
„אַז וואויל איז צו מיר, וואָס כ׳האָב זוכה געוועזן
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן:
„אַז וואויל איז צו מיר און אַז וואויל איז און וואויל
„אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל".

און דורשטיק די פראַסטיקע לופט אלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פארזונקען.

און ביסלעכווייז איז אינם הימל אַרויס
אַ זון אזוי פלאַמיק און גרויס,
אַז ווי אין גיהנום געוואָרן איז הייס,
פון פנים גערונען האָט טראָפּנווייז שווייס
און ס׳האָט אינם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געווייט.
נאָר פלוצים זיך האָט דורכן ברענענדן פעלד
דאָס קול פון בעל שם טוב צעשפּרייט;
דאָס האָט דער בעל שם טוב געזונגען,
אַ לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר א לויב!
„פאַר אַלץ, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט,
„פון פייערן דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט
„צו פאַלן פון דורשטיקייט איצט אויף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל.״

1924-1919

אין על

דעם קאָפּ אין צייטונג איינגעבויגן.
עס טראָגט זיך גיך און לייכט דער על.
ס'איז פרי. ריין קוקן דיינע אויגן
און ס'איז דערווייל דיין האַרץ נאָך העל.

נאָר גערנווייליק צי אומגערן
הויבסט אויף דעם קאָפּ. זעסט: וויז־אַ־ווי
דיר זיצן ווייבער. פינצטער ווערן
נעמט דיר דיין האַרץ, כאָטש ס'איז נאָך פרי.

זעסט גראָבע פיס אין ווייסע זאָקן,
זעסט ציטערן א גראָבע ליפּ,
אַ בליק, ווי ביי אַ קאַלב צעשראָקן —
און ס'ווערט דיין לעבן דיר ניט ליב.

דו גראָבסט דעם קאָפּ אין צייטונג ווידער.
דיר ווערט אַזוי — ניט לייכט, ניט שווער.
אַ האַנט פאַלט אויף די קני אַנידער,
דיין האַרץ זיך וויגט אַהין, אַהער...

און ס'הויבט דיך עפּעס אָן פאַרפאָלגן
און עפּעס שרעקט, דו ווייסט ניט וואָס,
נאָר פילסט, וועסט יעדערן איצט פאָלגן,
ביסט וועלק, ווי ס'איז אין האַרבסט דאָס גראָז.

אין קעלער

אין ווינקל פון אַ קעלער,
ביים קריגל זויערן וויין,
ווערט דיר דיין לעבן העלער,
עס שווינדן זאָרג און פּיין.

קענסט גאַנצע נעכט דאָ זיצן,
(דיר איז דאָך גאַנץ עגאַל!)
אַרום דיר קלינגען וויצן —
פאָלקסטימלעך, גראָב, באַנאַל,

און איבער אַלע טישן —
דער פּאַפּיראָסן־רויך.
מיט אָנצוהערענישן
צעזינגט זיך עמיץ הויך.

דו קוקסט, ווי האַלב פאַרלעגן,
זיך אויף דיין דאַמע אום,
דו קענסט זיך ניט דערוועגן —
נעמסט ענדלעך זי אַרום.

זי נעמט צו דיר זיך בויגן,
(דיר איז ניט אַלץ עגאַל!)
און ס'לייכטן אירע אויגן
פאָלקסאַרטיק, גראָב, באַנאַל.

אין סאַבוויי

עס רייצט אזוי דאָס פאָרן
נאָך האַלבער נאַכט אין סאָב.
דער כישוף איז פארלאָרן,
דאָך לאָזט דער רייץ ניט אָפּ.

דו קענסט זיך ניט דערקענען,
ביסט ניט ווי אין דער פרי,
איצט דיינע ליפּן ברענען,
דיר ציטערן די קני.

ווערסט וואָס אַ ווײַלע מידער,
באַלד מאַכט דיין אויג זיך צו,
דאָך גיבן שלאַנקע גלידער
דיר אַלץ נאָך ניט קיין רו.

זעסט פון די אַקסלען פאַלן
דאָס דינע ווייסע העמד
און אירע אויגן שטראַלן
נאָכגיביק און פאַרשעמט.

צו דיר זיך אָרעמס שטרעקן
און ברענען נעמט דיין קאָפּ
און בעט און לייבער שמעקן
נאָך האַלבער נאַכט אין סאָב.

מלכה שבת

קומט צו גיין די מלכה שבת
בונט ווי אַ רעגנבויגן;
די אַראָפּגעלאָזטע אויגן
פול מיט תאוה גליען, ברענען, —
קענסט אין טומטומס אויג דערקענען,
אַז ס'איז דאָ די מלכה שבת.

ווען עס קומט די מלכה שבת,
פינקלען אויף די אויגן ווידער,
וואַכיק ווערן דיינע גלידער,
און אין אַלע, אַלע עקן
הויבט מיט ווייבער־פּלייש אָן שמעקן,
ווען עס קומט די מלכה שבת.

ס'אַראַ רחבות, מלכה שבת,
ברענגסט מיט זיך אין אַלע זייטן;
יעדעס האַרץ וויל זיך צעשפּרייטן,
וויל זיך מערן און פאַרמערן,
און אין רויך פון די באַגערן,
ווערסט פאַרברענט דו, מלכה שבת!

אַ הימן

לבנה — דו פאַרקערפּערונג פון טוגנט,
ווי גנעדיק שפּאַנסטו אין דיין שטערן־קרייז.
דו קוקסט אַראָפּ, ווי אויף דער ליבער יוגנט
קוקט שמייכלענדיקערהייט דער קלוגער גרייז.

אַ דאַמע, וואָס פאַראַרימט איז געוואָרן,
דאָך אין איר יעדן ריר איזווירדע דאָ!
אויך איך בין אין דער אַלטער וועלט געבאָרן,
און אירער בין איך ביז דער לעצטער שעה!

אָ, וועלט פון מאָרד, פון אומגליק און פון פּיינען,
עס איז דיין קבר שוין פאַר מיר געגרייט. —
דאָך קומט מיין שעה, זאָלסטו פאַר מיר דערשיינען,
באַוויַיז זיך כלה, חלום אין מיין פרייד!

דערווייל איז גוט מיר דאָ אויף דער וועראַנדע
אַרום די בערג — ווי זיילן טויטע רו,
און גוט איז מיר, וואָס איך בין זישא לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס, וואָס איך טראַכט און טו!

ענדע יולי, קוני איילענד

אָ, קילע טעג אין ברענענדיקן יולי!
ס׳איז אומדערטרעגלעך הייס און מיט אַמאָל
דאָס וועטער בייט זיך, און אַ קילקייט
נעמט דורך די לופט און דיינע גלידער.
די ליבע פרויען טוען אָן זיך וואַרימערע קליידער
און מילדער ווערן זייערע אויגן,
און מיט אַזויפיל ליבע קוקן זיי אויף דיר
אַז אַלץ דאָס גוטסקייט, וואָס עס ליגט אין דיר,
פון דיר און אַלעמען פאַרבאָרגן,
גייט פון באַהעלטעניש אַרויס, און יעדער
וואָס האָט דיך ביז אַהער געקענט, דערקענט דיך ניט.
און (ווי איך האָב 1916 אין אַ ליד געזאָגט):
דו רעדסט אַזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט גערעדט,
דו זעסט אַזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזען,
און אַלץ צו וואָס דו רירסט זיך צו איז וואונדער,
באמת וואונדער.

מיט וויפּיל טרויער...

מיט וויפיל טרויער קוקן פרויען־אויגן,
אויף זייערע רייצנדע און רונדע גלידער
אַ פוילער נעפּל שטענדיק איז פאַרצויגן.

ניט איינמאָל גייסט אַוועק פון זיי א מידער,
דאָך איידער ס׳שלאָגן דיינע לעצטע שטונדן
ניט איינמאָל וועסטו זיין ביי זיי נאָך ווידער.

דו ביסט צו זיי אויף אייביק צוגעבונדן,
ווייל אומפאַרגענגלעך, אייביק איז דער טרויער,
און ס׳איז דיין בלוט מיט בענקשאַפט אָנגעצונדן,

און אָפטמאָל לייכטן אין דיין וועלט דער גרויסער,
פון צוגעזאָגטן לאנד די ווייטע זונען,
און ס׳איז די פרוי צו יענעם לאַנד דער טויער —

אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט דעם וועג געפונען.

צום טשעכאנאָווער

(ר׳ אברהם לאנדוי 1785 - 1875)

איך בין ניט פריי — פון מיינע זיידעס
ציט זיך נאָך מיר א לאנגע קייט;
איך בין ניט פריי — מיין טראָט און קער איז
פון אויגן נאָנטע שטרענג באַגלייט!
נאכלעסיק, אָבער מיט א האנט א פעסטער,
דיך שמיד איך ווייטער, אייזערנע קייט.

אָם נאָנטסטן פילט מיין בלוט דיך, טשעכאַנאָווער,
ווייל פונקט ווי דיר איז ס׳לעבן מיר א פליכט,
וואָס יאָ צי ניט באהבה אָנגענומען,
דאָך אָבער פאר דעם שיקזאלס שטיינערנעם געזיכט
וועט ס׳הארץ מיינס ניט קיין ציטער געבן,
ווייל פונקט ווי דו פיל איך די הייליקייט פון פליכט.

דאָך אין דער נעץ פון פליכטן און געזעצן,
אָ, וויפיל פרייהייט איז פאַראַן און פרייד!
און בלויז א שקלאַף קען מיינען, אז אַן אָדלער
האַלט אין דער שטייג ניט זיינע אָרעמס אויסגעשפרייט!
אָ, ר׳ אברהם טשעכאנאָווער,
איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפרייט!

אָ, וויפיל ריחות...

אָ, וויפיל ריחות אויף דער וועלט פאַראַנען!
עס שמעקן שטעט און דערפער, גאַסן און פאַבריקן;
עס האָט זיין ריח פאַרצעליי; נשמות שמעקן;
ס׳האָט יעדער שטאַנד זיין דופט און יעדער דור;
עס שמעקן קעגנשטאַנדן, לייבער און באַגריפן,
עס האָבן זייער דופט מלחמות, לידער און געפילן
א. אַ. וו., א. אַ. וו., א. אַ. וו., א. אַ. וו.

און פון דעם דופט, אין וועלכן ביסט געבוירן,
וועסטו זיך קיינמאָל ניט באַפרייען!
פון אַלע קייטן, תפיסות איז ער שטאַרקער
און אומרחמנותדיקער נאָך.

אָ, דו —
קוים באַמערקטער דופט פון מיינע וואונדערבאַרע לידער!
פון יענע לידער, וואָס איך האָב געשריבן
פון דער, פאַר דער, צו דער, וואָס איך האָב ליב און וואָס
האָט מידע, פוילע, נאָכגעביקע גלידער, —
אָ, דיך
פאַרנעמען וועט בלויז יענער
וואָס גייט ניטדאַאיק אום אין לעבן,
און טראָגט אויף זיך די משא, וואָס פון איר
דערלייזן וועט אים אפשר בלויז דער טויט.

אָ, דופט פון מיינע וואונדערבאַרע לידער!

גלידער

אָ, וויפיל זאָגן אונז די גלידער פון א מענטשן! —
אַ האַנט, וואָס עמיץ לייגט אַזוי זיך אויף די קני,
אַ האַלז, אַן אקסל, וואָס דו האָסט באַגעגנט
אין רוישיקן קאפע, אין טראם, צי אין טעאטער.
ווי אָפטמאָל טרייסלען אויף דאָס הארץ אונז ליפּן,
וואָס קומען אונז אַנטקעגן אומגעריכטערהייט;
עס ריידן האָר און בייכער, ס'רעדן בליקן
אַזוינס וואָס ווערטער קענען ניט!
ווי מאַכן ציטערן דאָס הארץ אונז פיסלעך,
די לייכטע פרויען פיס, וואָס שוועבן אָפט פאַרביי!
דאָך איך האָב ליב נאָר די וואָס זיינען גראָב און אומגעלומפּערט:
אַן גוטע פריינט, אַן אַלטע בריוו דערמאָנען זיי,
און אויך אַן דער, וואָס שענקט אונז אונזער לעבן.

אין יולי מאָרגן

גלייך וויביים דאַוונען דעם בעל שמ׳ס געזיכט —
אין פריען יולי־מאָרגן שטראַלט די געגנט.
אַלץ טונקט זיך אין גאָלד און פיאָלעטן ליכט
און מיט א זוניקייט דיין ערשטן טראָט באַגעגנט.

די טאָכטער אויפן אַקסל. שפאנסט און שפאנסט.
און דיינע אויגן, זיי קוקן ניט, זיי שוועבן.
און פלוצים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דיינעם אַנסט:
עס האָט א זין, אַ טיפן זין דיין לעבן.

די טאָכטער פּלאַפּלט וואָס, דו גייסט און גייסט.
ס׳איז ליב אזוי אין גראָז אין טויאיקן דאָס שפאַנען.
ס׳איז גוט אזוי, וואָס איטלעך גליד דיינס פילט און ווייסט:
ס׳איז אויף דער וועלט אַ זין אַ פרייד פאַראַנען.

דער סטריקאָוועր

(ר׳ וואָלף לאנדוי)

אין מיטן פון צימער וואָלף סטריקאָוועך שטייט
און זאַפּט איין די לופט מיט זיין וואַכיקער נאָז.
אַ צוק איז פאַרגליווערט אין פנים ביי אים —
אַזוי בלייבט צעשראָקן אין פעלד ווען אַ האָז.
אַ שמייכל אַ שווערער זיין פנים צעקרימט,
דעם קין דריקט צוזאַמען די ביינִיקע האַנט,
פון צווישן די פינגער די באָרד שפּיצט ארויס,
און ס׳זעט אויס די האַנט ווי אַ האָריק געוואַנט.

און פּלוצים דער קאָפּ גיט אַ ווייַ אין דער לופט,
דער פּוס הויבט אָן שאַרן דעם וואַקסענעם דיל,
און ס׳עפנט זיך אויף ווי אַ קנאָספּ זיין געזיכט,
ווי קלאָר וואָלט געוואָרן אים אַלץ, וואָס ער וויל.
„אָ, גנאָד, אָ, מיין מוטער! ווי גוט איז ביי דיר!
אָ, חכמה! ווי ביסטו דעם הארץ מיינעם זיס!
דאָך זיסער פון גנאָד און פון חכמה איז מאַכט,
איז כח אַ שאַר צו טאָן אַלץ מיט די פיס!“

די סטריקאָווער רביצן

די באָבע שפּאַנט ארום א שטראַלנדיקע,
חן־גריבלעך חנ׳דלען זיך אין איר געזיכט.
און ס׳בלאַנקט דער טיש מיט פאַרצעליי און זילבער
און אין מאַסיווע לייכטער ברענען גראָבע ליכט.

מען האַלט זיך אַלץ אין גרייטן. ס׳איז דער ערשטער סדר.
מיר קינדער, אָבער, זיצן שוין ביים טיש פון לאַנג;
מיט לויכטנדיקע אויגלעך, וויגן מיט די פיסלעך,
עס סקריפּעט אונטער אונז די לאַנגע באַנק.

אין אַטלעס און אין פערל גייט אַרויס די באָבע,
אַזוי ווי א שעמעוודיקע כלה קוקט זי אויס:
עס זיינען היינט צום ערשטן מאָל צוזאַמען
די קינדער און די אייניקלעך ביי איר אין הויז.

זי קוקט אויף אונז און קנעט די הענט אָן אויפהער,
און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך פאר פרייד,
און מיטאַמאָל אנטלויפט זי גאָר אינגאַנצן,
קומט באלד צוריק און טראָגט וואָס אין איר קלייד.

זי גיט אַ וואָרף. און אויפן טיש געפאלן
אודאי הונדערט כוסות זיינען מיטאַמאָל —
„איך וויל אייך, קינדער גאָלדענע, ניט ציילן״
קלינגט מיט דעם זילבער גלייך דער באבעס קול.

ביים געזעגענען זיך מיט די באשיידענע „ה״ען און שטומע „ע״ס

אָ, „ה״ען! די פון אייך, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן
געלעבט ביי אונז א שטיל און באַשיידן לעבן,
וואָס האָבן קיינמאָל ניט צעשריען זייער עקזיסטענץ,
בלויז אָנען זיך געלאָזט!
און איר, איר שטענדיק אונטערשעצטע,
באַגלייטער וואונדערבאַרע, טרייע —
איר שטומע „ע״ס! איר, וואָס האָט געבראכט זיך פאַר א קרבן
כדי דאָס לעבן פון די נאָנטע אייערע ווייך צו מאכן! —
איר גייט פון אונז אַצינד אַוועק! ווער ווייס,
צי ניט אויף אייביק שוין.

אָ, איר ניט ערדישע, אומניצלעכע, ניט אידישלעכע וועזנס!
אין זייער אומשולד רייצנדיקע
אַלטע, גוטע מומעס!
איצט בלייבן בלויז ביי אונז פיליסטער פרייכבדיקע — קאָנסאָנאַנטן,
און ווייבלעך אָנגעבלאָזענע — וואָקאַלן.

ווי טרויעריק וועט אָן אייך זיין ס׳לעבן אַלטע, גוטע מומעס!

איך האָב געוואַרט און דו ביסט ניט געקומען

איך האָב געוואַרט און דו ביסט ניט געקומען,
און איך האָב זיך אויף דיר אַזוי געריכט;
וואָס ביסטו יענעם אָוונט ניט געקומען?
איך האָב זיך דאָך אַזוי אויף דיר געריכט.

איך האָב געהאַט פֿאַר דיר בלויז גוטע ווערטער,
און איטלעך וואָרט געווען איז פֿול מיט פֿרייד;
איצט ווידערהאָלן קען איך ניט די ווערטער,
ניטאָ אין זיי די אַלטע גוטע פֿרייד.

בלויז זייער דופֿט איז מיר ביז היינט פֿאַרבליבן,
און איז מיט מיר ווי אין די ערשטע טעג.
דער דופֿט, וואָס איז פֿון יענע רייד פֿאַרבליבן,
פֿאַרשפּרייט זיך איבער אַלע מיינע טעג.

אין אלבאם פון פריילין . . .

דיינע אויגן גלאַנצן ווי די נעז פון אָפּגעפּוצטע שיך,
און אין דיין שמייכל איז וואָס נידעריקס פאַראַנען.
אָ, קוקנדיק אויף מיר, פאַרשניר ניט האלב די אויגן
און ס׳מויל פארצי ניט אויף אַ שמייכל!
נאָר קוק אַזוי ווי ווייבער דאַרפן קוקן, —
גאַנץ אונטערטעניק און דאָך וועלט רעגירענד!
דו קוק אַזוי, אז קוקנדיק אויף דיר
זאָל וואַסערן זיך אין מויל מיין צונג...

קליינשטעטלדיקע ווייבער

אין קינעמאַטאָגראַף, אין טראַם, אין גאַס, אין קראָמען,
מיט פּעקלעך, וועגעלעך, מיט קינדער ביי דער האַנט
באַגעגנסטו זיי גיין. זיי גייען ניט, זיי שטראָמען
פאַרביי — די מחנות ווייבער נאָכאַנאַנד.
פון איינער ביז דער צווייטער איז קיין אונטערשיד:
אַ סטאַדע פּי דערמאָנען זיי מיט זיך.
זיי שלעפּן פול די שווערע פּיס אין די צעפּאָרענע שיך,
און זייער איטלעך ריר איז וועלק, ווי ס'איז אין האַרבסט דאָס גראָז.
און גלייך צו קי מיט פולע אייטערס, וועלכע, דאַכט זיך,
בעטן זיך ביים באַלעבאָס
מיט אויגן וואסערדיקע, שטומע: מ—ע—ל—ק!

פ י י ן ־ ה י ל

פיין־היל, אָלסטער קאונטי, ניו־יאָרק,
ליגט אין א טאָל. אצינד איז נאַכט.
ס׳איז שטיל. אַ לייכטער ווינט קומט פון די בערג.
פאַרמאַכט האָלט איך מיין פענצטער.

מיין הארץ איז לייכט. דער קאָפּ איז פריי פון זאָרג.
מיין קערפּער — פריש. פּאַפּירן, ביכער, ווערק
(פרעמדע, אייגענע) צעוואָרפן ליגן אויפן טיש.
אַלץ איז אין צימער אָנגעשטרענגט: די אַרבעט ברענט
און פלאַקערט אונטער מיינע הענט.
מיין האַנט איז פלינק און פעסט, און ווי אַ מעסער שאַרף איז מיין געדאַנק.
און יעדער ריר אין מיר אַצינד איז בלויז געזאַנג.
דאָך ווי דער הימל ווערט פון בערג געשניטן דאָ,
אַזוי אָיעדע שעה, נייַן, יעדע רגע
רייסט זיך מיין האַרץ: אָ, דו וואָס איך האָב ליב!
דו, וואָס איך האָב ליב!
ליב! ליב! ליב!

איך האָב צו אייך אַ גרויסע טובה, ברידער . . .

איך האָב צו אייך אַ גרויסע טובה, ברידער . . .
עס האַנדלט, נעמלעך, זיך אין דעם, אַז איר
מיט אייער טיפער חכמה און פאַרשטענדניש,
זאָלט מיר דערקלערן צי איך בין גערעכט. —
כ׳האָב לעצטנס, ברידער, א געפיל: פון אלע ליפּן,
וואָס שטייען גרייטע אויף דער וועלט געקושט צו ווערן,
אָם זיסטן זיינען די, וואָס זיינען צוגעוועלקט צוביסלעך,
וואָס זיינען בלייך, צעקנייטשט און אָפּגעקראָכן. אין קורצן די,
וואָס זיינען אויסגעקושט, צעקושט און דורכגעקושט געוואָרן.
אויף וויפיל ס׳קען אַ מענטש זיין אייגן האַרץ באַגרייפן,
שטאַמט דאָס געפיל אין מיר דערפון, וואָס איך
האַלט זיך ביי מייניקן: ביי אונזער שטאַנד און יאָרן
איז זעכצן יעריק בלוט אַן אומזין: איך האָב ניט איינמאָל שוין פּרובירט.
ביים קין א זעכצן יעריקעס צו נעמען,
האָט דאָס אַזאַ מין צאפּל אונטער מיינע הענט געגעבן,
אַז ס׳האָבן ציטערן די הענט מיר אָנגעהויבן,
ווי כ׳וואָלט א מייזל אָנגעהאלטן ביי דעם עקל.
אָ, ברידער מיינע, עס וויל ניט אייער ברודער פלאַטערן
אין אָנגעזיכט פון זיין אלטעגלעך ברויט!
דערפאר וועגדט ער אצינד זיך נאָך אַן עצה
צו אייער טיפער חכמה און פאַרשטענדניש.

דאָס קליינע חזיר׳ל

דאָס קליינע חזיר׳ל האָט מיט דעם אָפּגעזעגטן מויל
אַ גראָב געטאָן אין אָפּפאַל טיף, אז ס׳האָט א דאמף זיך אויפגעהויבן.
און נאָכדעם האָט עס אָנגעשטעלט אויף מיר
צוויי מילדע, חנ׳ודיקע מאנדל־אויגן.
אַ וואַרימקייט האָט דורכגעפלאָסן מיך, ווען איך
האָב צוגעקוקט ווי ס׳דרייט און דרייט זיך,
און ענדלעך דרייט עס אין א שפּיץ זיך אויס דאָס עקל זיינס;
אָ, וויפיל חן ליגט אין די חזיר׳שע עקלעך!
אָ, וויפיל צערטלעכקייט! אָ, וויפיל רייץ און אומשולד!
ס׳איז רייצנדיק און חנ׳עוודיק ווי יענער לאָק, וואָס אין מיין יוגנט
האָט ניט איין שעה פון רו געראַובט ביי מיר!
און צערטלעך איז עס און אַזוי אומשולדיק
ווי דיינע פּערזן, געטלעכער ווערלען!

פעברואר אָוונט

אָוונט. ענדע פעברואר.
דער ווייסער שניי באַדעקט דאָס הויז און גאַס און טראָטואַר. —
אַ ליכטיקייט, וואו נאָר די אויגן גרייכן.
אַ רו, וואָס קענסט מיט קיין זאַך ניט פאַרגלייכן,
אַ רו, וואָס אָנגעצויגן איז און שטייף —
ציטערט דורך דער וועלט און דורך מיין האַרצן.

דער ווינטער איז שוין רייף. די שפּיצן פון די ביימער
מיט שניי באַלאָדן אינם ווינט זיך לייכט באוועגן.
און קוקנדיק אויף זיי פון וויטן דאכט זיך דיר, אַז דו פאָרסט אויפן ים,
און מיטאַמאָל אַ מחנה מעווען קומט אַנטקעגן.
אָ, שניי! אָ, מעווען! אָוונט! פעברואר!
ס'איז ריין מיין האַרץ, און ווייס איז הויז און גאַס און טראָטואַר.

ווי קאַלט און אומ־רחמנות־דיק איז די נאַטור

ווי קאַלט און אומברחמנותדיק איז די נאַטור!
זי איז פּייערלעך, דאָך אָבער אָן נשמה.
אין הייסע טעג איז הייס און קאַלט איז אין די קאַלטע,
ס׳איז פינצטער ביי דער נאַכט און ליכטיק איז בייטאָג.
און קומט א ווינט, באַוועגן זיך די ביימער,
און אָן א ווינט — ווי מתים שטייען זיי פאַרגליווערט.
בלויז דאָרט, וואו ס׳רירט דעם מענטשנס האַנט זיך צו,
ווערט לעבעדיק דער טויטער, קאַלטער גוף.
און איטלעך גרעזל פילט, אז ניט פון הימל פון דעם בלעכענעם,
נאָר פון אַ מענטשלעך גנעדיק אויג ווערט עס באַוואַכט
און אָפּגעהיט.

ווי לייכט ווערט ס׳האַרץ, ווען דו גייסט דיר שפּאַצירן
דורך דורכגעאַקערטע, פּאַרזייטע פעלדער,
און וואו דו ווענדסט דיין בליק זעסטו א מענטשנס מי און דאגות
און האָפענונגען.

וואָס דאָן־קיכאָט האָט געפּילט ווען מען האָט אים אויסגעלאַכט

דער שטאָלץ פון ריטערטום, די ערע פון לאמאנטשא,
דאָס ליכט, וואָס לייכט אַזויפיל דורות שוין
צום פרייד פון אלע גוטע און פון ריינע;
אָ, דער וואָס האָט געזען פאַרשטעלטע ריטער
אין אַרבעטער, גנבים און אין רויבער;
פאַר ווענטן די וואָס וואַרטן ביי די שענקען
געוועזן זיינען הערלעכע פרינצעסינס,
און יעדע וועשין איז געוועזן דולציניי —
פאַרגאַנגען איז אמאָל אין אָוונט צו א פרינץ,
אַן אָרט, וואו אָנצושפּאַרן איבער נאַכט דעם קאָפּ, געבעטן.

געוועזן איז דער פרינץ אַן אכזר, און דאָס שלעכטע האַרץ
האָט אָנגעהויבן זיך אין אים פאר פרייד באַוועגן.
און צוגעטראַכט האָט דער אומגליקלעכער, כדי זיך מאַכן לוסטיק,
טאָרטורן דינע פאר זיין וואונדערבאַרן גאַסט.
איין טראָט איז בלויז, ווי יעדער פון אונז ווייסט, פון כבוד צו בזיון,
האָט ער אזויפיל כבוד אונזער האַר גענומען ווייזן,
און ווילד אזוי דערביי איבערגעטריבן,
און דאָן־קיכאָט געבליבן שטיין איז אומבאַהאָלפן,
און ווי א אינגל זיך פאַרלאָרן.
דאָך באַלד האָט א ניט דרייסטער שמייכל צוגעדעקט זיין פּנים,
און זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטיל, פאַר זיך, צו שטאַמלען:
מסתמא איז דאָך דאָ אַזאַ מין מנהג.

אָ, ניט געזען האָט אונזער האַר ווי ס׳שטיקט זיין ווירט זיך פאַר געלעכטער!
ווייל צו אומשולדיק איז דער האַר געוועזן!
ווייל ס׳איז צו ריין דעם הארנס האַרץ געוועזן,
אז ער זאל גלויבן, ס׳קאָן א מענטשלעך האַרץ דערפרייען
דאָס שפּעטן און דאָס לאַכן פון א צווייטן.

דאָן־קיכאָט

מיט העלם, און שילד, און פּאַנצער,
די לאַנגע שפּיז אין האַנט;
די לייצן אָפּגעלאָזן —
זאָל פירן ראָסינאַנט.

אַזויפיל וועגן קרייצן
פאַר מיר זיך דאָ אַרום.
אָ, וועלכער וועג וועט פירן
צו שטרייט מיך און צו רום?

איך האָב די היים פאַרלאָזן,
אַוועק אין פרייען פעלד,
עס זאָל א תיקון האָבן
דאָס האַרץ דיינס, גרויסע וועלט!

עס זאָל ניט, וועלט, דו גרויסע
דאָס האַרץ דיינס בלייבן שטום!
איך וועק צום לעבן ווידער
די בלויע ריטער בלום.

דאָן קיכאָטיס קלאָג־ווערטער

ניט צו פאַרשטיין איז וועלט און לעבן,
און זאָנדערבאר איז יעדע שעה!
צום וואַנדערן זיך אָפּגעגעבן,
שוין לאַנגע וואָכן וואַרט איך דאָ
אויף רוישיק טומלדיקע וועגן, —
נאָר ס׳קומט קיין ריטער ניט אַנטקעגן.

דאָך איידער כ׳האָב גענומען וואַנדלען,
און אין דער היים געזעסן מיר,
ווי אָפט פלעגט זיך מיין שטוב פאַרוואַנדלען,
מיין קליינע שטוב אין א טורניר!
און כ׳האָב מיין גרויסע קראַפט באַוויזן
אין קאַמף מיט ריטער און מיט ריזן.

איז דאָס אין חלום אַלץ געשעען?
האָב איך דערפון געחלומט בלויז?
דאָך אויפן וואָר אומזיסט פאַרגייען
די טעג, זייט כ׳בין אין פעלד אַרויס.
און כ׳האָב בלויז פאסטוכער באַגעגנט,
זייט כ׳האָב זיך מיט מיין היים געזעגנט.

וואָס זאָל איך טאָן? איך גיב זיך איבער
אין זיינע הענט! זאָל זיין וואָס וויל!
נאָר ווייס, ס׳איז יעדער טויט מיר ליבער,
ווי בלייבן זאָל דאָס האַרץ מיינס שטיל.
דאָס האַרץ, וואָס אים באַשערט איז זינגען,
און דורך דער וועלט דיין רום צעקלינגען.

זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון דעם רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און דעם רבין ר׳ נפתלי פון ראָפּשיץ

ס׳איז וויסיקלעך דער גארער וועלט,
און ווער עס ווייס ניט דער זאָל וויסן,
ווי ס׳פלעגט דער ערשטער שטערן נאָר
די שטאָט ליזשענסק באַגריסן,
אַזוי האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיך באַלד
אין חדר מיוחד פארשלאָסן. —
עס טראָגט זיך א מורמל אַ זיסער פון דאָרט,
אַ פרייד האָט פון חדר געפלאָסן.
דאָרט דאַוונט דער רבי אלימלך פאר זיך,
דאָרט דאַוונט דער רבי איצט מעריב,
נאָר קיינער האָט קיינמאָל ניט זוכה געווען
צו זען אים דאַוונען מעריב.
מען הערט נאָר א מורמל, און ווער עס פארנעמט
דאָס מורמלען, נעמט ליכטיק אים ווערן,
עס נעמט זיך אים דאַכטן, דער אָוונט איז ער,
און ער איז דער ליכטיקער שטערן,
אַז ער איז דער פויגל, דער ווינט און דער וואַלד,
און אַז ער איז דעם פויגלס געזאנגען;
און זינגענדיק רייסט זיך זיין האַרץ אינם וועג, —
דעם סוף פון דער וועלט צו דערלאַנגען.
און וואויל ווייס דאָך אויכעט די גאַנצענע וועלט,
אַז ס׳איז ר׳ נפתלי פון ראָפּשיץ
פאַר יאָרן און יאָרן און יאָרן
צום רבין רב אלימלך געפאָרן.
און ס׳האָט ר׳ נפתלי המצאה׳לעך ליב,
האָט כל׳ערליי שפּאָסן געטריבן,

האָט ער זיך בגנבה אמאָל א פאַרנאַכט
אין חדר פון רבין פאַרקליבן.*)

באַהאַלט ר׳ נתפלי זיך אונטער דעם בעט.
עס ציען זיך רגעס און שעהן,
עס טוט אים דער עסק דער גאַנצער שוין באַנג,
אַ טרויער נעמט ס׳האַרץ אים פאַרגרויען.
עס עפנט די טיר זיך, דער רבי קומט אָן,
נעמט לייכט אין חדר צו שפּאַנען;
און ס׳פאַלט איין דעם ראַפּשיצער אונטער דעם בעט:
ווי קריכט מען אַרויס דאָ פון דאַנען?
אַ ווײַלע שפּאַנט אום אין דעם חדר
דער רבי ר׳ אלימלך,
אַ ווײַלע בלײַבט שטיין ביי דעם פענצטער
דער רבי ר׳ אלימלך,
און מורמלענדיק נעמט ער דעם גאַרטל אין האַנט,
דעם שווערן, דעם זיידענעם גאַרטל אין האַנט,
און שפּילט זיך א ווײַלע מיט אים.
און ווי נאָר צום ערשטן מאָל האָט ער
פאַרגאַרטלט דעם גאַרטל
אַ ליכטיקע ליכטיקייט ליכטיק
פאַרליכטיקט דעם חדר,
אַז ס׳הויבט אָן די אויגן אַזש שווינדלען.
און ווי נאָר צום צווייטן מאָל האָט ער
פאַרגאַרטלט דעם גאַרטל
איז ליכטיק אַזוי אין דעם חדר געוואָרן,

---

*) גיב אַכט, ר׳ נפתלי, דיין לייכטזין זאָל דיך
חלילה צו ווייט ניט פאַרפירן!
מיט געגנג מיט אַזוינע, נפתלי, אַמאָל
קענסט די וועלט און יענע פאַרלירן. — ז. ל.

אַז ס׳האָט ר׳ נפתלי די חושים פאַרלאָרן
און שרייען געגומען מיט קולות אַזוינע,
וואָס האָבן דעם הימל געשפּאָלטן.
גייט־צו צו דעם בעט דער ליזשענסקער
און בויגט אין דער העלפט זיך אַראָפּ,
„דו ביסט עס נפתלי? — ווייך פרעגט ער —
אויב דו ביסט עס, טראָג זיך גלייך אָפּ!
ווייל קוים צו דעם דריטן מאָל דריי איך
דעם גאַרטל אַרום מיינע לענדן
ווערט ליכטיק אזוי אינם חדר,
אַז ס׳וועט פון גרויס ליכטיקייט אויסגיין
דיין נשמה, נפתלי.“

וואָס האָט ר׳ נפתלי געענטפערט,
וואָס האָט ר׳ נפתלי געטאָן,
דאָס קען איך ניט זאָגן, ווייל כ׳ווייס ניט.
איך ווייס בלויז, אַז וואויל איז צו מיר
אַז וואויל איז צו אייך און צו אונז,
אַז אויסדערוויילט ביסטו ישראל,
וואָס צווישן אונז זיינען געווען
צדיקים אַזוינע אַמאָל.
און זוכה זיין זאָלן מיר אַלע
אַז גאָט ברוך הוא, ער זאָל געבן
מיר זאָלן אין פרייהדן דערלעבן
דאָס אַלץ זיך דערציילן אין ציון,
אין לאַנד פון די הייליקע אבות.
און ווען איר דערציילט זיך די מעשה
פאַרגעסט ניט דערמאָנען דעם נאָמען
פון דעם וואָס דערציילט אייך די מעשה,
און גאָט וועט אייך אָפּצאָלן. אמן.

זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון א רבין און אַ רביצן, וועמעס נעמען מיר טאָרן ניט מפרסם זיין צוליב אַ סיבה, וואָס יעדער איינער ווייס

און אַז דער רבי איז אין אַלקער זיינעם
אַריינגעקומען אומגעריכטערהייט —
זעט ער ביי דעם שפּיגל שטייט די רביצן און פּוצט זיך.
זאָגט ער: „דו געפעלסט מיר אומגעצירטערהייט".

צוויי מאָל העכער איז די רביצן געוואָרן
און ווי קלאָרער זילבער האָט איר קול אַרויסגעקוועלט:
— כ'וויל אַז אלעס, וואָס געפעלט מיין האַרן
זאָל אויך וואויל געפעלן זיין דער גאַנצער וועלט.

דער ווייסער לאם

1

די לעצטע נאַכט מיט דער מאַרקיזין
בין איך געוועזן אויף בראָדוויי;
מען האָט אַ נייעם פילם געוויזן,
דערנאָך געגאַנגען טרינקען טיי.

און די מאַרקיזין האָט פון פרויען
גערעדט מיר אינם אויער לאַנג,
נאָר וואָס, געדענק איך ניט; אין גרויען
רוט היינט מיין דרימלענדער געדאַנק.

נאָר איינס געדענק איך, ווען אין אוטאָ
האָב איך אהיים זי אָפּגעפירט,
האָט די לבנה ווי א מאָטאָ
אין הימל קאַלט שפּאַצירט.

און ביז עס האָט זיך דורכגעבראָכן
דער מאָרגן־שיין אַדורך די ווענט,
האָט מיך דאָס גליווער־ליכט געשטאָכן,
האָט אייזיק מיר דאָס האַרץ געברענט.

אַרום מיר ווערט די גרויקייט טיפער,
מיין הימל איז שוין לויטער בליי.
איך בין דער אומגליקלעכער שיפער,
דו ביסט מיין ווייטע לאָרעליי.

2

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
פון ים איז ביזן ים.
גריס, אָ, גאָלדענע פּאַווע,
מיין ווייב, מיין ליכטיקן לאם.

מיין ווייסער לאם איז בת־טובים,
די גאָלדענע פּאַווע — מיין הארץ,
דער ים דאָס איז מיין לעבן
און דיינער, בת־טובים, אויך.

איך האָב דיך, לאם, דו ווייסער,
ביים לעבן אויסגעוויינט,
ווי ס'האָט אברהם זיין יצחק,
זיין זון דעם איינציקן.

ווי ווערט א ליבע געשלאָסן ?
דורך ריידן, זינגען און לאַכן.
און אונזער ליבע געשלאָסן
האָט גאָט מיט זיין אייגענער האַנט.

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
פון ים איז ביזן ים.
גריס, אָ, גאָלדענע פּאַווע
מיין ווייסן, מיין ליכטיקן לאם.

דער ווייסער לאם — בת טובים
די גאָלדענע פאווע — מיין הארץ,
דער ים דאָס איז מיין לעבן
און דיינער, בת טובים, אויך.

3

„פון יונג פֿארהייראַטע פרויען
גייט אויף א ווייסער דופט,
אַ מעווע אין ראָזלעך־בלויער
פרימאָרגנדיקער לופט״.

בת־טובים שווייגט אַ ווײַלע,
און זי פאַרשווייגט אינגאנצן באלד.
אַרום זיך זעט זי האַרבסטיקע מיילן
מיט טיף און לייכט באַקופּערטן וואַלד.

4

לבנה ליגט אין פענצטער,
בת־טובים ליגט אין בעט,
קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן
אויף אירע ווייסע פיס.

מיט ווייטאָקדיקער זיסקייט
האָט זי די פיס געגלעט;
עס שמעקט איר נאַקעטער לייב
ווי אויפגעבראָכענע ערד.

אוי, חתן, חתן, חתן,
דו, מיין גאָלדענע האַרץ;
ניט אזוי א חתן
ווי אַן אייגענער מאַן.

ניט אַזוי א כלה
ווי אַן אייגענע ווייב;
עס ליגט שוין פון לבנה
אַן אויפגעגאנגען לייב.

5

ווען דו זאָלסט וויסן, בת־טובים,
ווי ס׳האָט מיין האַרץ דיך ליב,
וואָלסטו ניט זאָגן, בת־טובים
אַז איך האָב דיך ניט ליב.

איך האָב דיר א מתנה
פון עלפאַנט־ביין געבראַכט,
און וואָס איז די מתנה
וואָס איך האָב דיר געבראַכט?

ס׳איז אַ קאָרסעט, בת־טובים,
וואָס שענער קען ניט זיין,
דו וועסט אין אים, בת־טובים,
פון אַלע ליבער זיין.

דער מלכה׳ס האַרץ וועט א צוק טאָן,
ווען זי קומט נאָענט צו דיר,
דער מלכה׳ס פאַזש וועט אַ קוק טאָן
און לאָזן זיך נאָך דיר.

נאָר ביי די לעצטע קאלאנען
פאַרדרייט ער זיך צום בריק,
עס וועלן די ווייסע קאלאנען
ניט הערן אים קומען צוריק.

האַרט ביי די מאַרמאָרענע טרעפּן
די מלכה טרינקט איר סם.
און שלעפּן אין אַ זאַק מיך
וועט ער ביינאַכט צום ים.

6

עס זיינען שיין, באמת שיין, עס זיינען זייער פֿאַנטאַסטיש
אילומינירטע שיפֿן ביי דער נאַכט אינמיטן ים.
דו קוקסט אויף זיי, דו קוקסט, דו קוקסט; עס ווערט דיין הארץ עלאַסטיש
און בויגט זיך ווי דעם הימלס רעגנבויגנדיקער קאַם.

אַ, בונטער רעגנבויגן,
אַ, הארץ, ווי ביסטו לייכט,
בת־טובים׳ס גרויע אויגן
זיי זיינען אויך שוין פֿייכט.

דו וויינסט, מיין לאַם, מיין ווייסער,
און ציטערסט ווי אין שלאָף.
אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
נאָר טרויעריק איז איר סוף.

אַמאָל איז א מלך געווען,
אַז ווייט איז צו מיר און אַז ווינד.
איך האָב אין דיין שמייכל געלייענט,
דער מלך איז טויט שוין פֿון לאַנג.

די מלכה איר סם האָט געטרונקען,
געפֿאַלן איז זי אויף די טרעפּ,
די לעצטע שיף אין דער נאַכט איז געזונקען,
זי טראָגט מיט זיך מיט איר ליכטיקן שלעפּ.

7

אַ פיש ביי דעם עק אָנגעהאַלטן
וואַרפט זיך אין גלאַנציקער גסיסה.
ים, ים, שופּנדיקער,
דו צאַפּלסט אין שיין פון דער לבנה.

די שופּן דיינע הויבן זיך,
און איינס אין דאָס צווייטע פאַרגייט.
אַז ווײ איז צו מיר און צו מיין יונג לעבן,
איך האָב מיין ליבע פאַרשפּילט.

און ביז ס'וועט א בערגל זיך הויבן אויף מיר
און אינמיטן פון בערגל — אַ בלימל,
וועל איך, ווי דער ים אין לבנה'שער נעץ
מיין פאַרשניטענע ליבע באוויינען.

1937ـــ1925

די גאָלדענע האַרף

1

די דיכטונג

גאָט און זיין משפּט איז גערעכט
און קען ניט זיין גערעכטער!
און איך האָב ליב מיין אָרעם ברויט,
מיין ווייב און מיינע טעכטער.

און איך האָב ליב דעם שלאַנקען ווינט,
דעם שלאַבעריקן רעגן,
דעם אראנזש טעפּיך, וואָס אויף אים
ביסט היינט פאַר מיר געלעגן.

און ביזן מאַרך פון יעדן ביין,
און ביזן תהום פון גלידער,
האָב איך אייך ליב וואויל קלינגענדיקע,
וואויל דופּטנדיקע לידער.

אָ, לידער! — ס׳פּלאַפּלען פון א קינד,
דער שמייכל פון דעם ווייזן!
אָ, לידער! — ס׳לאָזט דער אינגלינג זיך
אין וועלט אין ווייטער שפּרייזן.

און טויזנט פרויען גייען נאָך
מיט אָנגעצונדענע פאַקלען.
— וואָס וויינט איר, כלות? — ווי וויינט מען ניט,
ווען זיינע פיס זיך וואַקלען?

— אָ, כלות, איידער ס׳מאַכט די צייט
צוריק אויף אירע ברעמען,
וועט קומען דער חתן מיט אוצרות צוריק
און יעדע פון איך וועט ער נעמען.

— דער חתן וועט קומען, וועט קומען צוריק,
דער חתן, ער איז שוין געקומען.
דער חתן האָט מיך — האָט מיך — האָט מיך —
— האָט מיך — האָט מיך גענומען.

2

דאָס ליד פון מידן פּאָרצעליי

קליפּ קלאַפּ באַטאַווים,
באַטאַווים גאָלדן האַרץ,
ליכטיק איז אין האַרצן,
נאָר די נאַכט איז שוואַרץ.

קום, קום, באַטאַווים,
באַטאַווים, קום אַרויס.
וואָס אין האַרצן ליגט מיר
זאָג איך באַלד דיר אויס.

חתן־כלה בלייבן
האָט ניט מער קיין מיין.
לאָמיר חופּה שטעלן
און טאַקע, טאַקע שוין.

פרעגסט נאָך, ווי עס וועט דיר
שפּעטער זיין ביי מיר;
איז עפּעס גוט דער מלכה?
זיין וועט בעסער דיר.

עסן וועסטו עסן
פון מידן פאַרצעליי,
שלאָפן וועסטו שלאָפן
אויף האָלענדישן ליין.

און דער אראנזש טעפיך,
ווי אַ דינע שפיז
קיצלט צונג און שולטער,
קאָסעט פון די פיס.

פאַלסט אַ זאַנג א פולע —
שווייג, זיי שטום, זיי שטיל!
גוט זיינען אומעטום פרויען,
דאָך בעסער אויפן דיל.

3

דער פוס אין רוים

באַטאַוויִמ׳ס ווייסער קני
אין שויס פון דעם באַגין,
אין בלוי פון אין דער פרי —
רייצט ווי דער ביס פון בין.

עס שטרעקט א פוס זיך העל
פאַרלוירן אינם רוים.
אָ, קופּער־גרינע וועל,
אָ, שנייאיק ווייסער שוים!

מיט אויגן האַלב פאַרשנירט
גלעט זי דעם פוס און גלעט —
פרימאָרגן גרוי פארלירט
זיין גרוי און פיאַלעט.

4

דאָס ליד פון פאַרלאָרענעם לייב

ווײַן ניט, פאַרלאָרענער לייב,
מיט הענט אויפן נאַקן פאַרוואָרפן
און מיט בלאָנדזשענדיקע בריסט אין דער נאַכט.
איבער דיר שטיי איך געבויגן,
דו, אָבער, דו זעסט מיך ניט.
די אויגן דײַנע, מיט טרערן באַזעצטע,
קוקן אויפן באַלקן. —
ווײַן ניט, פאַרלאָרענער לייב
מיט הענט אויפן נאַקן פאַרוואָרפן
און מיט בלאָנדזשענדיקע בריסט אין דער נאַכט.

נאַכט, סאַפּע, נאַקעטער לייב,
נאַקעטער געוויסן,
ווײַנענדיקע אויגן —
פאַרלאָרענער לייב,
מיט הענט אויפן נאַקן פאַרוואָרפן,
ווײַן ניט אין דער נאַכט.

5

אומעטום איז הימל

אדיו, אדיו, באטאווים,
איך פֿאָר פֿון דיר אַוועק; —
ניט די שטאָט די פֿרעמדע,
ווי דער ווייטער וועג.

אויב איך וועל וואו קומען,
וועל איך ערגעץ זיין;
אומעטום איז הימל
און לבנה־שיין.

אומעטום די שטערן
לייכטן נאָענט און העל,
ברויט און זאַלץ און וואַסער
שטייט ביי יעדער שוועל.

שרעק זיך ניט, באטאווים,
טו זיך אויס פֿון שרעק,
גאָט אַליין וועט היטן
אַלע מיינע טעג.

זיי געזונט, באטאווים,
הארץ מיינס, זיי געזונט!
ווייס, עס איז מיין ליבע
ווי דער ים אָן גרונט.

6

דאָס ליד פון גרין־בלויע קרעלן

איך וועל צו דער קעניגן קומען,
דאָס האַרץ וועל איך אויפדעקן איר:
קעניגן, איך בין געקומען
צו בעטן מחילה ביי דיר.

באַטאַווימ׳ס גרין־בלויע קרעלן,
זיי האָבן פאַרסמט מיר דאָס האַרץ!
באַפעל, אַז זי זאָל מער די קרעלן
ניט טראָגן אויף איר האַלז.

האַלב פינצטער איז אין טעאַטער,
ווי ס׳דאַרף געוויינלעך זיין,
און אין דעם האַלב־טונקעלן טעאַטער
אַ האַלז פון פאַרצעליי.

און פון דעם פאַרצעלייענעם האַלז
וויינען די גרין־בלויע קרעלן.
קוק איך אויף דעם פאַרצעלייענעם האַלז
און וויין מיט גרין־בלויע קרעלן.

און דער האַלז איז געווען באַטאַווים׳ס,
און געטראָגן האָט זי דאָס דעם שנור.
אָ, קעניגן מײַנע, באַטאַווים
האָט צוגעגנבעט מײַן האַרץ.

זײַט געזונט, חברים טײַערע,
חברים ליבע, זײַט געזונט!
זיי געזונט מיר אויף אײביק מײַן בעט,
איך וועל מער ניט שלאָפן אין דיר.

זיי געזונט מיר מײַן ליכטיקער ווינט,
מײַן זומער, מײַן ווינטער, מײַן פרילינג, מײַן האַרבסט.
פאַר אונזער אײנציקער קעניגינס וועגן
לייג איך מיט שמחה מײַן קאָפּ אויפן קלאָץ.

7

דאָס ליד פון ווייסן ציגעלע

ווייס ווי מיין מאמעס נאָמען,
ווי די לבנה ריין,
פריש ווי די פרילינגס־שטראָמען
קום איך צו איך צו גיין.

איך טראָג פון ווערטער דינע
די מילך־פאַרהויכטע ווייט,
איך טראָג פון פעלדער גרינע
דאָס ציטערדיקע זייד.

די מלכה פון דער מעשה
מיט מיר אינאיינעם שפאנט,
דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
צופט גרעזלעך פון מיין האנט.

מיין פאַווע האָט די פליגל
די גאָלדענע צעשפרייט;
די נאַכט ליגט אונטער ריגל,
די שרעק ליגט אויף א קייט.

מאַרקיזין פּאָמפּאַדור

— עס גייט ניט אַרויס מיר פון זינען
מאַרקיזין פּאָמפּאַדור.
— וואָס גייט ניט אַרויס דיר פון זינען
מאַרקיזין פּאָמפּאַדור ?

— אַזויפיל פרוי איז קיינמאָל
קיין פרוי נאָך ניט געווען.
— און מיר, מיר דאַכט זיך טיילמאָל,
אַז דו ביסט ענלעך צו איר.

— צו צען יאָר האָט זי דערוואוסט זיך,
אַז זי איז דעם קעניג באַשערט.
און ווען האָט באַטאַווים דערוואוסט זיך
און ווען, זאָג, ביסטו באַשערט ?

— אַ קאָרטנוואַרפערקע האָט איר
דאָס אַלץ פאָרויסגעזאָגט.
— ווען מען וואָלט עס דיר געזאָגט,
וואָס וואָלסטו אויף דעם געענטפערט ?

אַ צוק געטאָן מיט די ליפּן,
אַ קוק געטאָן אויף איר לייב,
און אין דער וויג פון נאַכט האָט זי
די גלידער אויסגעקושט:

„וואַקסט אויס, איר קליינע גלידער,
„שטראַמט אָן, איר קליינע בריסט,
„דעם קעניגס פארלאנגען גייען
פון בענקשאַפט אויס נאָך אייך."

— ניט רעד אַזוי, באַטאַווים,
אַזוי צו ריידן איז זינד...
און ביז צום טויט דערשראָקן
איז מיין פאַרבלוטיקט האַרץ.

און ס'שווימט די לבנה אין פלעקן;
אַן אומגליק וועט היינט נאָך געשען.
אַדיע, באטאווים, איך וואַרף זיך
פון בריק אַראָפּ אין טייך!

מיידלעך, ווי האַלבע לבנות

און לאַנד און טראָן איז מיר געקומען,
איך האָב געדאַרפט דער קעניג זיין:
מיך האָבן, אָבער, מער פאַרנומען
דער ים און דער לבנה־שיין.

פון הויף די רייצנדיקסטע דאמען
זיי לאָזן מיינע אויגן שטום,
און ווי דער ווייַ פון זיבן ימים
אַ שווייגנדיקער שפּאַן איך אום.

האָב איך געזאָגט צום ברודער: בלייבן
זאָל דיר די קרוין, איך שענק זי דיר.
און איך וועל זיך אין טאָל פאַרקלייבן
און ביי דעם ים פארבלייב איך מיר.

עס גיט מיין ברודער מיר מתנות,
און קעניגלעך איז זיין געשאַנק:
שענקט מיידלעך מיר, ווי האַלב לבנות,
אַזוי פאַרשפּרעכנדיק און שלאַנק.

האָט איך געוואָלט דעם הויף־נאַר געבן,
„אַ, קעניג, שענק אים ניט אַוועק.
„גיב ליבערשט מיר דעם פאַלק, אז שוועבן
„זאָל ער פאַר מיר דורך מיינע טעג״.

מאַרקיזין באַטאַווים

פון מיינע דינע, פיינע לידער
שמעקט מיט טויט.
— ר. אייזלאַנד.

דער טויט האָט זיך צו מיר אין מיין בלוי־ווייסער רו
צום ערשטן מאָל ערשט לעצטע נאַכט באַוויזן;
ווען ביי דעם ברעג פון ים אַ ראַנדעוואו
האָב איך געהאַט מיט דער מאַרקיזין.

די אויגן מיינע קוקן האַלב פאַרליבט
און זיינען אויף איר נאַקן שטיין פאַרבליבן.
— מאַרקיזין איז פאַר מיר אַ מאַנוסקריפּט,
וואָס איז פאַרמעקט און אָפּגעריבן.

מאַרקיזין לאַכט. איר הויט ווערט געלבלעך־מאַט,
און ס'ווייט פון אירע נאָכגעביקע גלידער
אַט יענער רייצנדיקער אַראָמאַט,
וואָס פילסט אין טויט און אויך אין מיינע לידער.

ברויט און וואַסער

און דער באַגין הויבט אויף די ברעמען :
צוויי שווערע לאָדן גרויען בליי,
און בלייאיק וועט ער זיך פאַרנעמען
און גיין די גרויסע שטאָט פאַרביי.

האַרט ביי אַ וואַלד וועט ער זיך שטעלן
און בלייבן ברוגז וועט ער דאָ ;
און ווייטער וועט א לעבן העלן
און ראַזיקן זיך וואָס א שעה.

ווי ברויט און וואַסער נעמט דערפרישן
דער אויפגעוואַכטער אינדערפרי.
לאָם ! עס וויל מיין האַרץ פאַרווישן
די הייסע קיש פון דיינע קני.

נאָר וואָס צוקט היינט אַזוי דיין שמייכל
און ס׳גריבלט פון דיין לינקער באַק !
דו ביסט, ווי אַ צייטיקער עפּל,
פולבלוטיק און געשמאַק.

דיין לייב, ווי אַ פינצטערער אַפּריס,
ציט און פארכישופט און רייצט !
קוים וואָס איך שטיי אויף די פיס נאָך —
מיך האָט דיין אָטעם פאַרפלייצט.

אַ טרויעריק ליד

אין האַרבסט פון מיינע דרימלענדיקע ווערטער
איז אויפגעגאנגען פיאלעט.
(— דו ווייִנסט, באַשערטע? — איך וויין באַשערטער,
אַ כלה ביי דעם חופּה־בעט).

מיין פיאלעט האָט זיך צעגאָסן
און האָט פאַרשוועגקט מיין לעבנס ליפּ.
(— מיין ווייסע כלה! — מיין ווייסער חתן!
— דו האָסט מיך ליב? — איך האָב דיך ליב).

שוין ערדיק מיינע אויגן קוקן
אַפיר פון דעם פאַרשעמטן בלוי.
(— דו ציטערסט, כלה? — די ליפּן צוקן,
און ס׳וואָרט מיינס שלאָגט זיך אָן אַן גרוי).

דאָס ליד פון גאָטס קנעכט ישראל בעל שם טוב

ישראל בעל שם טוב, גאָטס אייביקער קנעכט,
גייט זינגענדיק איבער די וועגן.
— וואָס זינגסטו, ישראל? — ווייל איך בין גאָטס קנעכט
און איך גיי מיין כלה אַנטקעגן.
און שיין איז מיין כלה אזוי ווי אַ בוים,
און אפשר נאָך שענער אפילו.

— און זאָג מיר, ישראל, זאָג ווי רופסטו זי,
און ווי אַזוי רופן זי אלע?
— בת־טובים, בת־טובים, אזוי רופט מען זי,
ביי מיר אָבער הייסט זי — מיין כלה,
און ווי די לבנה אַזוי איז זי ווייס,
און אפשר נאָך ווייסער אפילו.

און זאָג מיר ישראל, זאָג, וואָס זאָגסטו איר,
ווען איר האָט זיך ביידע באַגעגנט?
— מיין כלה, מיין כלה, — אַזוי זאָג איך איר, —
מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט,
קום, גיב מיר דיין האַנט, קום אין עק פון דער וועלט,
— כ׳וועל גיין מיט דיר ווייטער אפילו!

אין שענק

ווי אָפּגעניצטע, ניט דערפּאַרענע אַקטיאָרן
אויף אַ מין הייזעריקן ביי־קול האָבן זיי גערעדט,
און ס׳האָט די נאַכט די שעה׳ן אירע אָנגעוואָרן
נאָך איידער ס׳איז געוואָרן שפּעט.

ביים רונדן טיש, ביי פולע גלעזער ביר דריי מענטשן זיצן,
דער אינגסטער איז א זעכציקער געוויס.
און קוקנדיק אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן
געצויגן האָבן זיי אלץ מעשיות, אנעקדאָטן, וויצן,
פון פרויען, וואָס געוואָלגערט האָבן זיך ביי זייערע פיס,
פון מענער, וואָס זיי האָבן לייכט אַזוי אמאָל באטראָגן, —
דער ליגן סקריפּעט ווי א ניט געשמירטער וואָגן.
און א פאַרשייט געלעכטערל איז פון זייער קול ארויסגעקראָכן
פּונקט ווי אַן אַלטער פערד אין שווערן שפּאַן.
גאָט! שטראָף ניט פאר די רייד מיך! מיד אזוי און אָפּגעקראָכן
קען בלויז א ווייב זיין אין די אויגן פון איר מאַן.

אויף וואָס שרה בת־טובים פּטריט אירע טעג

וואָס טוט שרה בת־טובים אַ גאַנצענעם טאָג?
וואָס זאָל זי טאָן?
גאָרנישט טוט שרה בת־טובים א גאנצענעם טאָג.
טוט גאָרנישט ניט טאָן.

שיקט טויזנט דינסטן אַרויס אין מאַרק,
שיקט זיי מיט פלעשער און זעק,
ברענגען די דינסטן צו שלעפּן פון מאַרק,
בוימל אין פלעשער און מעל אין די זעק.

דריי טויזנט הינדעלעך זיצן אין הויף
און לייגן אַ וועלט אָן מיט אייער;
קומען די קוכער און מישן צונויף
בוימל מיט מעל און מיט אייער.

שטייט אַן עלעקטרישער אויוון דערביי,
גרויס ווי אַ העלפט פון דעם פּאַרק,
און אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דאָ
קיכלעך אַ גאַנצענער באַרג.

באַלד ווערן די קיכעלעך צעטראָגן, צעטיילט
אין יעטווידן אידישן הויז,
דורך וועמען? איך ווייס נישט. דאָס מוז זיין אַ סוד.
מען זאָגט עס מיר קיינמאָל ניט אויס.

מאַן און ווייב

צו ר. ל.

דו זאָגסט אַמאָל צו פרעמדן לייב:
לייב פרעמדער, ווער מיר אייגן!
און אויב ס'איז נאָר די רעכטע שעה,
וועט פרעמדער לייב באַהעפטן זיך מיט דיר אויף אייביק.
און אָן די פליגלען פון דיין נאָז
אַ נייער ריח וועט א בלאָז,
אַ קלאַפּ אַ מילדן געבן. —
און עפענען וועסטו פאַר אים
די טויערן פון דיין לעבן.

אַי־לו־לו־לו, פייגעלע,
אין נעסט אין דעם געטרייען!
דער פּאַוועס גרוס וועט איטלעך האָרץ
פון בענקעניש באַפרייען!
און ווי דאָס זאַטע קאָרן־פעלד
אין זומערדיקן רעגן,
מיט שפע פול וועט יעדער טאָג
זיך וויגן דיר אַנטקעגן.

— מיין ווייב, אַז וואויל און וואויל איז מיר,
וואָס איך האָב דיך גענומען!
— מיין מאַן, אַז וואויל און וואויל איז מיר,
וואָס דו האָסט מיך גענומען.
— מיין ווייב, מיין ווייב, גיב מיר דיין האַנט,
— מיין מאַן, מיין מאַן, נעם דיר מיין האַנט,
כ׳וועל דיר אויך ס׳האַרץ מיינס געבן.
די גאָלדענע פּאַווע באַלייט דיך, באַלייט,
די גאָלדענע פּאַווע די פליגל צעשפּרייט,
און ס׳עפנט די גאָלדענע פּאַווע דיר ברייט
די טויערן פון אייגענעם לעבן.

אין נעץ פון דער לבנה

אין נעץ פון דער לבנה
ציטערן די שיפן;
עס ציטערן די שיפן
אין קופער־גרינעם ים.

צו דער לבנה הויבט זיך
דער ים אין אַ געבעט. —
לאַך מיט די ברוינע אויגן,
טייל היינט מיט מיר מיין בעט.

איך האָב אויף טעג און מעשים
געשיקט דעם רויטן האָן;
און וואָס ס'וועט קומען שפּעטער
וואַרף איך שוין איצט אין קאָן.

אָ, דרימלענדיקע שיפן!
אָ, כישופדיקער ים!
לאַך מיט די ברוינע אויגן,
ברוין־אויגנדיקער לאם!

דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט

אַזאַ לבנה! אַזוינע נעכט!
און ווי דאָס האַרץ שלאָגט היינט פאַרטרויט!
ווי נאָדלען מיינע פינגער שטעכט
דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט.

הויך איבער אונז האָט זיך צעוויגט
אין ווייטן רוים א פורפור פלאָם;
אויף וואָלקנס די לבנה ליגט,
ווי אין דעם פעלד אַ ווייסער לאָם.

און אין דעם שיין האָט האַרץ און וועלט
זיך דורכגעפלאָכטן, דורכגעצווייגט,
און אַלעס זינגט און קלינגט און קוועלט —
דער לאָם דער ווייסער ער נאָר שווייגט.

איבער זיבן ימים

איבער זיבן ימים, איבער טעג און וואָכן,
איבער לייכט פֿאַרבראַכטע אָוונטן און רייד,
האָט שוין אונזער שיף דעם נעפּל דורכגעבראָכן,
און אין ווינט שוין אונזער ווייסער זעגל ווייט.

און ווי קאַלטע זיילן גלאָצן שוין די בליקן,
בלינד איז אונזער וואָרט, וואָס האָט געדרוישט ווי ווייַן; —
איך וועל היינט ביינאַכט נאָך זיך דערשטיקן,
אָדער כ׳יאָג אַ קויל מיר אין דעם מויל אַרייַן.

די פֿאָרצעלייענע מארקיזין

מאַרקיזין איז פון פֿאָרצעליי
און טיף גערוזשט די ליפּן אירע,
איר וואָרט איז עכט האָלענדישער ליין,
איר וואָרט איז גלייך ווי ס׳איז אַ ווירע.

און אין טונקעלן געוועב
די אויגן די גאָלדענע שטראַלן,
בין איך אַליין אַצינד איר שלעפּ,
פריער איז ער געווען פון עלף טויזנט וואָסאַלן.

סענטימענטאלע פערזן

און מיט דער שאַרפקייט פון א חלף דיין געהער דערוואַכט,
דיין וואַכיקער געפיל נעמט פליען אָן אַ סוף
אין פיאלעטענעם באגין, אין ראָזיקן פאַרנאַכט,
און טיילמאָל קומט עס אויך צו דיר אינמיטן שלאָף.

ווערסט פלוצים וואַך, דו ווערסט די אֶנגעשטרענגטקייט מיט אַמאָל,
דו ווערסט געהער, נעמסט הערן מיט די וואָרצלען פון די האָר,
און וואָס הערסטו? דו הערסט אין זיך אַ וואונדערלעך קול,
און הערסט דעם האַרץ־שלאַג פון אַ קינד דיינס אין אַ טויזנט יאָר.

און מיטאַמאָל ווערט דיר ניט אויסצוהאַלטן לייכט און גוט
און ס׳נעסט זיך איין אין האַרץ ביי דיר דער ווייסער פויגל־פרייד,
און רואיק פליסט, ווי פליטן אויף אַ טייך, אין דיר דיין בלוט,
און דורך דעם נעפל פון די דורות ווייט אַ האַנט און ווייט.

אַרום איז וויסט, אַרום איז לער, דיין האַרץ אַליין איז פול
און לאָזט אַראָפּ דעם אַנקער זיינעם אין דער ווייטסטער טיף.
ביסט מער ניט דו, — ביסט דער בעל שם טוב, אַ פרוכת אין אַן אַלטער שול,
ביסט די לבנה, א פרינץ פון אינדיע, דו ביסט אַ זעגל־שיף.

אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט

אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט,
און ס'איז דאָס וואָרט פאַרבליבן.
און אַלץ, וואָס איז געשען מיט מיר,
און אַלץ וואָס איז געשען מיט דיר
האָט לאַנג די צייט פאַרטריבן.
און בלויז אַ שוואַכער אָפּשיין איז
אין האַרץ ביי אונז פאַרבליבן.

ווי קלינגט עס ווייט, ווי קלינגט עס פרעמד,
אַז ביסט אַמאָל געווען מיינע.
באַטאַווים, דאָס איז דאָך ניט וואָר,
דאָס איז דאָך בלויז נאָר אַ רעפריין
פון אַ פרעמד־לענדיש ליד, וואָס איך
האָב ווען אַמאָל געהערט.

ווי אומגעלומפּערט איז די טאָט,
און ס'אַראַ שווערקייט ווייט פון איר.
זי בויגט דאָס האַרץ דיינס צו דער ערד,
און פילט מיט טרערן אָן דיין בליק.
אַ, לופטיק, ריין, איז ס'וואָרט אַליין,
דאָס וואָרט — דער אייביקער רעפריין
פון יענעם ליד, וואָס איך האָב און וואָס דו
געהערט אַמאָל, ניט דאָ, נאָר אַנדערש וואו
און לאַנג שוין לאַנג צוריק.

די באַלאַדע פון די נאַקעטע בריליאַנטן

האַלב־נאַכט, עס שווימען שעה'ן
צום האָפן פונם ליכט;
האַלב־נאַכט, און אַלע פרויען
שוין האָבן איין געזיכט.

און דאָס געזיכט איז רייציק,
ביז ווייטיק נאָענט און ליב;
און דיינע אויגן גייציק,
און ווי דער סנה דיין ליף.

אין אַזאַ שעה געפאַנגען
האָט אים א רוי געשריי,
איז ער אים נאָכגעגאנגען
אַ הוילער ווי דער ווײ.

דער קול פירט צו אַ קעלער;
ער לאָזט זיך דאָרט אַראָפּ.
פון גלוסטונג ווערן שמעלער
די אויגן אין זיין קאָפּ.

אָ, שווער געדעקטע טישן!
אָ, רייד, אָט פויל, אָט גיך!
און פרויען ווי אַפישן
צופרידענע מיט זיך!

ער מעסט אָפּ מיט די אויגן
דעם עולם פון דער שוועל,
און וואו ער דאַרף זיך נויגן
האָט ער גענויגט זיך שנעל.

דערנאָך דורך רייען שווערע
פון שפּיזלדיקע רייד
גייט ער מיט אויגן לערע,
און נאַקעט ווי דער טויט.

ער גייט ווי ס׳וואָלט אים טראָגן,
דערזעט ער מיטאַמאָל:
ביי זיינע פּיס נעמט קלאָגן
אַ וויינענדיקער קול.

און ווען צום וייטן טישל
דערפירן אים די טריט,
ווי אויף אַ הוק אַ פישל,
צוקט אין אים גליד נאָך גליד.

ווי איבער אים געבויגן
מאַן רויטן זייט ווער, זייט:
„איך קוק מיר אויס די אויגן
„איך האַלט די הענט צעשפּרייט!״

ער זעט צוויי עדלשטיינער
פאַרגאַנגען אין געבעט:
„דו איינציק, איינציק, איינער,
„טייל היינט מיט מיר מיין בעט!״

אַ קול אַן אומבאַקאַנטן —
אַ תהום — אַ שמאָלן ראַנד —
צוויי נאַקעטע בריליאַנטן —
אַ זאַמדיק געלע האַנט —

און נאָך האָט ער געזעען
און נאָך האָט ער געהערט;
דאָס קול נעמט איצטער ווייען
הייס, דופטיק, ווי די ערד.

מיין טעסטאמענט

1

דאָס לעבן איז זיין ברעג אַריבער,
עס רוישט און ריזלט ווי אַ „ריש" —
געררוזשטע ליפּן זיינען ליבער
און זאַפטיקער פון בלייכן פלייש.

2

ס'האָט גאָט באַשאַפן אַלע ווערטער,
נאָר איבער זיי הערשט דער פּאָעט.
ער איז רעגירער און באַשערטער,
ער פירט זיי צו דעם חופּה־בעט.

3

דאָס וואָרט ביי גאָט איז אַן אלמנה,
אַ כלה איז דאָס וואָרט אין ליד,
און איז ווי ליפּן א מתנה
פאַר דעם וואָס וויל און ציטערט ניט.

4

איך האָב אין ניינצן דריי און צוואנציק
אין לידער אָנגעזאָגט דער וועלט —
אַז אַלע אויגן זיינען גלאַנציק
און פון אַ בענקעניש באַזעלט.

5

דאָס האָט געמיינט: איר זאָלט פאַרווישן
פון אויגן בענקענדע דעם וויי.
דאָס האָט געמיינט: אויף יעדן קישן
געפינען זאָל זיך קעפּלעך צוויי.

6

האָט איר כאָטש אויסגעפּאָלגט מיך, ברידער,
האָט איר זיך צוגעהערט צומאָל?
אָ, וויי! דער דופט פון מיינע לידער
פאַרוויט, פאַרגייט אָן ווידערקול!

7

און ליפּן בלייכע און געררוזשטע
אומזיסט זיך בעטן: נעם און עס!
מיך שרעקן ליפּן ניט געקושטע
ווי אויגן אָפענע ביים מת.

8

דעקט אויגן צו וואָס קוקן, קוקן,
און בלייבן שטום, פאַרגלייזט און בלינד.
און אויב אומזיסט וואו ליפּן צוקן —
איז וויי צו יענעם דור און ווינד.

9

קושט ווערטער פון דאָסניי און ווידער,
דאָס וואָרט ווי ליפּן רייצט און רופט. —
פון וואָרט ווערט טאַט, פון טאַטן — לידער,
און ס'ליד ווערט אויפגעלייזט אין דופט.

איך בין דער מאַן פֿון ליד

איך בין אין גאַס געגאַנגען
און גאָרנישט ניט געזען,
ווי ס׳וואָלט פֿאַר מײַנע אויגן
אַ גרויע וואַנט געווען.

ס׳איז ניט קיין וואַנט געווען,
דער וועג געווען איז פֿרײַ.
נאָר גאַס און לײַט און הײַזער
גיי איך כמעט פֿאַרבײַ.

ס׳איז ניט געווען טרויער
וואָס האָט מײַן ליכט פֿאַרשטעלט.
אין טיפֿעניש פֿון האַרצן
אַ קוואַל האָט אויפֿגעקוועלט.

און וואָס איך האָב פֿאַרנומען,
און וואָס איך האָב געהערט, —
צו הערן און פֿאַרנעמען
איז מיר געווען באַשערט.

מײַן בלוט אַ שטראָם אַ טיפֿער,
אַ פֿאָדעם אָן אַ קנופּ,
איז אײנס פֿאַר טויזנט דורות
אי פֿאַר אי נאָך מײַן גרוב.

כ׳האָב נאָך אײך וואָס צו זאָגן,
נאָר זאָגן וועל איך ניט.
איר זײַט די לײַט פֿון מעשים,
איך בין דער מאַן פֿון ליד.

ד י כ ט ו נ ג

יוסף יפה'ן

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
און די לבנה שווימט אַרויס.
דאָס פלאַך־לאַנד און די גרינע היגלען
זיי לויפן מיילנווייז פאַרויס.

ער גייט. מיט אים צוזאַמען גייען
די ריחות פון אַ שאַרפן קוואַל.
אַרום אים ווייטע ווערטער ווייען
און רוישן ווי אַ וואַסער־פאַל.

און וואָס די ווייטע ווערטער זאָגן,
און וואָס די נאַכט זינגט אין איר ליד,
האָט זיך אין שטיקער ליכט צעשלאָגן
און וואַלגערט זיך ביי זיינע טריט.

ער גייט, ווי ער וואָלט לייכט געשוואומען,
און וואָרט, און נאַכט, און קלאַנג, און שיין
האָט ער געצויגן אויף זיין גומען,
ווי דאָס געווען וואָלט אַלטער וויין.

און זיינע חושים נעמען ווײנען
פון ליבשאַפט גרויסער און פון גליק; —
וואָס אותיות און ווערטער מיינען
אַנטפּלעקט האָט אים אַן אויגנבליק.

די פינגער הויבן אָן צו קנעטן
פון זילבן ווערטער און געמיט,
אין וואָרט נעמט זיך צום צווייטן בעטן
אין לויב פון קומענדיקן ליד.

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
אין הימל פיטערט זיך דער לאַם,
דאָס פלאַך־לאַנד שלינגט איין אַלע היגלען,
די ערד באַוועגט זיך ווי דער ים.

אַ ליד

איך וועל אַרונטערגיין אין גאַס,
די שטוב איז ענג געוואָרן;
עס איז מיר טיש און בוך און ליד
שוין ווידער פרעמד געוואָרן.

די גאַס איז שיין, די גאַס האָט ליכט,
די גאַס האָט לופט, האָט ווינטן;
און דורכגענומען וועל איך גיין
פון ליכט, פון לופט, פון ווינטן.

און מענטשן גייען אין דער גאַס
מיט לאַכנדיקע אויגן: —
עס ווערט דיר אויפן האַרצן לייכט,
ווען קוקסט זיך איין אין אויגן.

און גיין וועל איך דערנאָך צוריק
צו טיש, צו בוך, צו לידער.
די גאַס איז שיין, די גאַס האָט ליכט,
נאָר ליכטיק זיינען לידער.

אַ ליד דאָס איז אַזוינס, וואָס דו
דערטאַפּסט ערשט מיט די פינגער, —
אויב עפּעס פרעמדס איז דאָ אין דעם,
פאַרשטעכסטו זיך די פינגער.

די מוזע

איך האָב אמאָל אַ אינגל
אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס:
— מיר וואָלט זיך וועלן וויסן
צי איז דער ים דאָ נאַס?

פאַרטראַכט האָט זיך דאָס אינגל
און גייט אין ים אַריין.
ער זאָגט: ס׳איז נאַס דאָס וואַסער,
אַז נאַסער קען ניט זיין.

און ווען זיין ענטפער קייקלט
צו מיר זיך דורך דער לופט —
האָט ער מיט זיינע הענטלעך
דאָס וואַסער אויסגעפּרואווט.

שוין לאַנג ווי ס׳איז דאָס אינגל
אַרויס מיר פונם זין.
איך האָב אָן אים דערמאָנט זיך
דאָ ביי דער שרייב־מאַשין.

און עפּעס מיט די פינגער
מיט מיינע האָט געפירט:
די ווערטער, וואָס איך שרייב דאָ
האָט עמיץ מיר דיקטירט.

און עפּעס ווערט מיר לייכטער
און לייכטער מיין געמיט. — — —
טיף איז דער וועג פון לעבן,
און טיפער פונם ליד.

די באַלאַדע פון פאַרנעפּלטן גלאָז

מיט מזרח שמעקט זיין פּאַפּיראָס,
שעהערעזאַדע, מדבר, ניל,
און ווייסע נעכט... שוין ווערן שטיל
די פליגלען פון זיין וואַכער נאָז.

זיין וואַכער נאָז איז מער ניט וואָך:
די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט,
מיט זיינע פינגער אויסגעגלעט,
זיי ליגן איבער אים ווי סכך.

קיין הימל זעט ער שוין ניט מער:
בלויז דורך די צווייגן דרינגט אַריין
אַמאָל צו אים לבנה־שיין,
און די לבנה אָטעמט שווער.

זיין אויג איז איצט פאַרנעפּלט גלאָז,
זיין אָטעם איז איצט אָפּגעהאַקט,
און בלויז זיין האַרץ קלאַפּט צו דעם טאַקט
פון פרויען בויגיק ווי דאָס גלאָז — — — —
— — — — — — — — — — — —
מיט מזרח שמעקט זיין פּאַפּיראָס.

צו חיהלע לאנדוי

„פאַראַנען ווערטער וואונדערלעכע, דינע,
קוים זאָגסטו זיי ווערט לייכטער דיין געמיט.“
כ׳האָב זיי געזאָגט און אומגעגאנגען
בין איך אין לעבן אַ פאַרשטעלטער פרינץ.
ניט שטאַרק פאַרשטעלט. די בלום די בלויע
האָט לייכט געחלומט אין מיין לאַץ.
און איך בין דורך מיין וועלט געגאַנגען
מיט אַ געהער אַן אויסגעאיידלטן
און גאַרנישט זעענדיקע אויגן.
ערשט איינמאָל ניינצן זעקס און דרייסיק,
האָב איך א הויב געטאָן מיין בליק
און האָב פאַר זיך דערזען אַזוינס,
אַז מיינע ליפּן האַלטן אַלץ אין מורמלען:
פאַראַנען זאַכן וואונדערלעכע, דינע,
דערזעסטו זיי ווערט לייכטער דיין געמיט.

מיין יונגער, ליבער פריינט, אַ דאַנק!

די באַלאַדע פון די זעגל־שיפן

אין אנדענק פון א. מ. דילאָן

„דאָס האַרץ טוט וויי" — האָט ער גענומען זאָגן,
נאָר ניט פאַרענדיקט האָט ער, ווייל אינמיטן
האָט זיך זיין וואָרט אַזוי ווי אָפּגעשניטן,
האָט זיך זיין וואָרט אָן עפּעס אָנגעשלאָגן.

און אומגעריכט, אַז ער האָט ניט באַגריפן,
וואָס איז דאָ אויף אַן אמת פאָרגעקומען,
אים איז, ווי וויין וואָלט אָנגערירט זיין גומען
און פאַר זיין אויג דאָ שווימען זעגל־שיפן.

די שיפן ווייס, עס ווערט זיין האַרץ אים גרינגער,
און גרינג אַזוי, אַז ער וואָלט קענען ווייַנען.
און אים איז איצט, ווי ער וואָלט לידער ליי'נען
און זייער טעם געפילט מיט זיינע פינגער.

אויף דעם טויט פון אַ רוסישן דיכטער

(זישא לאנדוי׳ס לעצטע געדרוקטע ליד)

צו וואָס ביסטו געשטאָרבן, מיכאיל קוזמין?
פיערא, דער נאַרישער, האָט גלייך זיך אויפגעהאנגען
און ערשט, ווען ס׳איז די נאַכט די טיפע אויפגעגאַנגען,
איז ער אַנטלאָפן, איך ווייס באמת ניט וואוהין.

די דאַמע, קענסט דאָך זי, געקומען איז צו לויפן,
געפאַלן אויף מיין האַלז, געוואָרפן זיך אין בעט.
יאָ, דאָס געפיל, אַז קיינער וויל דיך מער ניט קויפן
איז פיינלעך דעם אקטיאָר, דער פרוי און דעם פּאָעט.

איך בין ביי קארלא גאצי היינט געוועןן. אין זאַלץ
האָט ער געטונקען דינע רייפלעך פּאמידאָרן
און ער האָט מיר דערקלערט, אַז וויכטיקער פון אַלץ
איז ווידער אָנטאָן מאַסקעס דיכטער און אַקטיאָרן.

איך האָב דערפון אַ לאַנגע צייט געטראַכט אין שענק,
וואו שנאַפּס און סעלצער האָט געטאַנצט ביי מיר אין גלאָז,
וואו חבר סיראַנאָ׳ס פיין פילנדיקע נאָז
האָט שטיל געוויינט.

דער טאָג דערפילט זיך פלוצלינג ענג,
דער טאָג האָט זיך אויף שעה׳ן איינצעלנע צעריסן,
און אַלץ איז אָן אַ האָפט. דער אלטער קאַוואַליער
(ער ווערט שוין לאַנגווייליק) האָט הייס געלאָזט דיר גריסן,
האָב איך אים, לאַכנדיק, צוריק געגריסט פון דיר.

אין ווירדיק־צאַרטער גרעלקייט גיסט אַריין זיך גרין:
אין הימל שווימט אום די לבנה — אַ ציטרין.

געפונען אויפן טיש נאָך זיין טויט

עס אָטעמט יעדער ווינקל פון דער ערד
מיט לעבעדיקן אָטעם: האַס און ליבע!
און ווי דער ים, אַזוי האָט אויך די ערד
אַן אָפּפלוס און א צופלוס, ווי דער ים
באַוועגט זיך אויך די אויבערפלאַך פון אונזער
באלאָדענער,
שווער־אָטעמדיקער ערד.



פאקסימיל פון זישא לאנדוי'ס האנטשריפט

זייער א וואונדערלעכע מעשה פון
א בראַוון קאַפּיטאַן, א ווייס פערד
און דריי הונדערט מאַטראָזן—



זישא לאנדוי צו דרייצן יאָר

זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון אַ בראַוון קאַפּיטאַן, אַ ווייס פערד און דריי הונדערט מאַטראָזן

עס האָט אַ ווינט צעבראָכן
אין מיטן ים אַ שיף,
די נאַכט געווען איז פינצטער,
דער ים געווען איז טיף.

דער קאַפּיטאַן דער בראַוור
האָט ניט קיין סך געקלערט,
ער הייסט מען זאָל אים זאָטלען
זיין ווייסן פלינקן פערד.

שוין שטייט דאָס פערד דאָס ווייסע
און דרייט זיך מיט דעם עק.
דער קאַפּיטאַן דער בראַוור
ער לאָזט זיך אינם וועג.

ס'איז שנעל די פייל פון בויגן,
דאָס פערד נאָך שנעלער איז!
און פון דעם פערד נאָך שנעלער
זיך טראָגן זיינע פיס!

דער ים געווען איז שטורמיש,
ווי ימים דאַרפן זיין,
נאָר קומט אַ הויכע כוואַליע
שלינגט באַלד דאָס פערד זי איין.

דאָס פערד שלינגט איין די כוואַליעס,
און יאָגט, און יאָגט, און יאָגט. —
און מיטאַמאָל אַ זינגען
דער פרייער ווינט צעטראָגט.

ווער האָט זיך דאָ צעזונגען?
וואו זינגט מען? נאָנט צי ווייט?
דאָס זינגען די מאַטראָזן,
דריי הונדערט בראַווע לייט.

אַז ס'דאַרף דאָ זיין מאַטראָזן —
קאָן יעדערער פאַרשטיין.
דער קאַפּיטאַן דער בראַוועך
האָט ניט קיין האַרץ פון שטיין!

און ווען זיין שיף נעמט זינקען,
אין זעלבן אויגנבליק
די דינער זיינע רופט ער,
און הייסט זיי דרייען שטריק.

און שוין, דער שטריק איז פאַרטיק,
ער מאַכט אַ גרויסן שלייף,
פאַרוואַרפט אויף די מאַטראָזן
נאָך ענגער פון אַ רייף.

און צוגעבונדן האָט ער
זיי אַלע צו דעם עק
פון ווייסן פערד דעם פלינקען,
און לאָזט זיך אין דעם וועג.

אודאי איז ניט פריילעך
ביינאַכט אין ים צו זיין,
איז זאָגט מען, זאָגט מען תהלים,
מען טרינקט צו ביסלעך וויין.

מען גלעט די בערד, די לאַנגע,
מען רעדט פון אַלטער צייט
און פון די חדר־יאָרן,
וואָס זיינען ווייט שוין, ווייט.

און עפּעס ווערט פאַרשלונגען,
און עפּעס ניט דערזאָגט. —
דאָס פערד שלינגט ווייטער כוואַליעס
און יאָגט, און יאָגט, און יאָגט.

לאַנג האָט דער וועג גענומען,
ווי יעדן איז באַקאַנט,
נאָר סוף כל סוף געקומען
זיי זיינען אין אַ לאַנד.

דאָס לאַנד איז פול מיט באָקסער,
ווי ס'איז דער ים מיט שוים.
עס טריפט דאָרט מילך און האָניק
אַראָפּ פון יעדן בוים.

דאָס פערד בלייבט שטיין פאַרוואונדערט
און שאָקלט מיט דעם קאָפּ,
גיט זיך אַ כאַפּ און טרייסלט
דעם קאַפּיטאַן אַראָפּ.

דער קאַפּיטאַן דערשראָקן
שטעלט זײַנע אויגן אויס, —
דאָ שפּרינגען די מאַטראָזן
פֿון טיפֿן ים אַרויס.

און איידער נאָך אַ רגע
אַן איינציקע פֿאַרגייט,
שוין נעמען אַלע לויפֿן
מיט מײַלער אָפֿן ברייט.

דער קאַפּיטאַן פֿון פֿאָרנט
און נאָך אים לויפֿט זײַן פֿערד,
פֿון הינטן די מאַטראָזן
מיט זיי'רע לאַנגע בערד.

זיי לויפֿן צו די בוימער
מיט אימפּעט פֿון אַ קויל,
און ברייטער נאָך און ברייטער
שפּרייט יעדער אויס זײַן מויל.

און איידער נאָך אַ רגע
די אַנדערע פֿאַרגייט,
זיי ליגן הינטער בוימער
שוין אַלע אויסגעשפּרייט.

עס טריפֿט שוין מילך און האָניק
אין יעדן מויל אַרײַן,
און אַלע קייען באַקסער, —
אַזוי טאָג אויס טאָג איין.

איך בין מיר דאָרט געוועזן
מיט נײַנציק יאָר צוריק,
און קלאָר געדענק איך אַלעס,
עס שטייט נאָך פאַר מײַן בליק.

כ׳האָב אויך פון מילך און האָניק
געטאָן אַ לעק, אַ נאַש,
און אָנגעפילט מיט באָקסער
האָב איך מיר טאַש נאָך טאַש.

עס איז פון יענער צײַט שוין
אַ צײַט אַזאַ פאַרבײַ,
נאָר איך האָב נאָך דעם באָקסער
און קײַ אים אַלץ און קײַ.

עס ווילט זיך איך אַ שטיקל ?
איז אויב איר האָט נאָר צײַט
כאַפּט זיך צו מיר אַריבער,
איך וואוין דאָך דאָ ניט ווײַט.

מיר וועלן באָקסער קײַען,
און אין דער אָוונט־שעה
דערציילן זיך פון צײַטן,
וואָס זענען מער ניטאָ.

פון קאַפּיטאַן דעם בראַוון
און פון זײַן פלינקן פערד,
פון די מאַטראָזן זײַנע
מיט זיי׳רע לאַנגע בערד. — — — —

פון בוך —

עס איז גאָרנישט ניט געשען.

פון
דער בלויער נאַכטיגאַל

... איר ווייסט ניט? דאָס איז דאָך מוסיע באַלשעם,
אַן אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט, אַ שררה און אַ זאַנדערלינג.
און אין דער גאַנצער געגנט דאָ איז ער באַקאַנט דורך דעם,
וואָס ער נעמט וועלט און לעבן גרינג.
זיין גוט פאַרוואַלטן אַכצן עקאַנאָמען,
און איינס אין איינס ווי ראַלניקס „ע ק אָ נ אָ ם".
און ער? האָט ליב צו קוקן ווי די וועלן שטראָמען,
ליגט גאַנצע נעכט אָפּ ביי דעם קליינעם שטראָם.
קוקט אויף די שטערן לאַנג, און וואָס די לייט
מיט זיין פאַרמעגן טוען, ליגט אים ניט אין זינען:
מיט העגט פארלייגטע אויף דעם נאַקן קענסטו אים געפינען
אין אַ פרימאָרגן אין די וועלדער וויט.

...אין אָט דער שעה דערפילן פרויען
אַזאַ מין איינזאַמקייט אין בעט;
און מיט אַ זיסקייט און פאַרטרויען
די צונג די ליפּן זייערע גלעט.

די פיס זיך דריקן איינס צום צווייטן,
די בריסט זיך פורמען גאָטיש אויס;
די זעל ווערט פריי פון אַלע קייטן
און שוועבט אין פרייד צו אים אַרויס.

און ניט נאָר פרויען. — שאָף און רינדער
דערפילן גלייך, אַז ע ר איז דאָ;
און זאַנפטער שמייכלען קליינע קינדער
אין דער פרימאָרגנדיקער שעה.

אַרום זיין קאָפּ נשמות קרייזן,
אַ מחנה פייגל צו אים ציט;
און, קייענדיק, די שעפלעך שפּרייזן
אין זיינע זינגענדיקע טריט.

און ער שפּאַנט איבער וועגן, שטעגן,
און וואו ער קומט, ווערט אַלץ באַזעלט. —
ער גייט דעם יונגן טאָג אַנטקעגן,
און מיט אים גייט די גאַנצע וועלט.

...אָ, ארלעקין, מיין ליבער,
נעם צו מיין טיפסטן דאַנק!
עס שטראָמט דאָס הארץ אַריבער
דיין וואונדערלעך געזאַנג.

עס קענען ווערטער דינע
דעם האַרצן ברענגען רו;
דיין בלויע קאָלאָמבינע
בעט פונקט אַזוי ווי דו.

ניט בלויז פאַר זיך — פאַר אַלע
אַ תפילה איז מיין ליד!
ס'איז יעדע פרוי א כלה —
דו ווייסט עס, ווייסט עס ניט?

ביז ס'ווערט דאָס האַרץ פאַרשלאָסן,
איז יעדע פרוי נאָך גרייט — — —
עס איז איר לעצטער חתן,
זאָגט האָפמאַנסטאַל, דער טויט.

גראָבט ניט אין טיפסטע טיפן,
איז לייכט בלויז און איז בלוי,
און זע, ווי פיין באגריפן
דער ווינער האָט די פרוי.

...בלויז אין דעם ליד פון דיכטער, קאָלאָמבינע בלויע,
גרינגפּיסיק ווערסטו ווידער ווי אַן אינד!
בלויז אין דעם ליד פון דיכטער, קאָלאָמבינע בלויע,
דער מינדסטער קנייטש פון דיין געזיכט פאַרשווינדט!

אָ, דיכטער, וועלט־רעגירער און באַצווינגער,
פאַראינגט מיין פריינדין, לינדערט איר געמיט!
מיין פריינדינס פנים ווערט באַדעקט מיט קנייטשן,
און קיינער העלפן קען איר ניט!

. . . אין דער ביבל

ווערט פון אַ פֿאָלק גערעדט מיט זאָנדערבאַרע זיטן.

באַגנבעט האָבן זיי אמאָל א לאנד, ניט דורכגעלאָזט קיין הויז,

און מיט דער גנבה לאָזן זיי זיך אין דער וועלט אַרויס.

איר מיינט, זיי גייען שטיל? ניין, מיט געזאַנג!

און דאָס געזאנג אלס מוסטער איז ביז היינט פֿאַרבליבן.

די וויסנשאפט באַשטעטיקט האָט שוין לאַנג:

דאָס איז דער אורשפרונג פון גנבות און פון לידער.

....אַ גרוס צו אייך פון נאַנט און ווייט,
אַ גרוס פון דולציניייען;
דעם האַרנס גנאָד און הערלעכקייט
גייט ווידער אונז דערפרייען.

באַלד וועלן ווידער ווי אַמאָל
די נאַכטיגאַלן זינגען,
אין דעם צעבליטן באַרג און טאָל
וועט א געזאַנג פאַרקלינגען.

עס קלינגען ווייך, ווי שניי, ווי פוך
צוריק די אַלטע לידער;
און צו דעם רייך פון וואוילגערוך
מיר קערן אום זיך ווידער.

אַ, רייך, וואו רייצנדיקער דופט
געפאַנגען האַלט דאָס לעבן;
און לייכט אזוי ווי דורך דער לופט,
אַרום אונז פיסלעך שוועבן.

און מעג די שנאה זיין ווי שוואַרץ,
דער קאַמף — ניט דורכצוהיפן, —
פאַרויס! גאָטס נאָמען אין דעם האַרץ,
דער דאַמעס — אויף די ליפן.

... די האַרבע אויגן וערן טויאיק,
עס נעמען זונען ליפּ נאָך ליפּ;
קושט אויגן טויאיקע און ליפּן,
אויב אייך איז נאָר דאָס לעבן ליב!

עס פרילינגען די צאַרטע שולטער,
בויגט לייכט די קעפּ אַראָפּ צו זיי, —
פון אויגן, ליפּן און פון שולטער
טראָגט זיך אַ ריח ווי פון היי.

עס קוקן אָן דיך ראָזע נעגל
אַזוי נאַכלעסיק און פערוועריז;
אָ, ווייסע שולטער, ראָזע נעגל,
אָ, דו מיין דופטנדיקער פערז!

אָ, אויגן טויאיקע! אָ, ליפּן,
וואָס רייצן ווי א רייפע וואונד!
פאַרהאַקטער אָטעם, הייסע ווערטער
און ווייסע נאַכט — אין הינטערגרונט.

....שוואַרץ איז פּאַש און רויט איז לעניִן,
ראָז — קערענסקי, ווילסאָן — גרוי!
זאָל דאָס גוטע יאָר זיי קענען —
איך האָב ליב נאָר בלוי!

הינדענבורג, בריאַן, פּעטליורא,
ס'אַראַ לאַנגווייל ווייט פון זיי!
רייצנדיק איז בלויז לאורא,
בעאַטריטשע, דולציניי!

אַרלעקין, אַ ליבע דאַמען,
איז מיר ליבער נאָך פון ליב!
זע איך אים, נעמט ס'הארץ מיינס פלאַמען
און מיין צונג גייט דורך מיין ליפּ.

אָפּט קומט אויס די ליפּ באַנעצן:
שטענדיק שטייט ער פאַר מיין בליק!
זיינע ווערטער זיינען נעצן
און זיין אָרעם איז מיין וויג.

...דאָס בלויע שיינט
אַדורך דער לופט;
דער ווייטער ים
פאַר׳חלש׳ט רופט.

מיין בלויער פריינט,
אָ, מיין פיערא,
דיין קאָלאָמבינע
שטייט איצט דאָ!

די ליפּן — אָראַנזש
צוגעפאַרבט.
די לאָקן אירע
צוגעקאַרבט.

אָ, בלויער פריינט,
אָ, מיין פיעראָ,
ס׳איז די לבנה
אויך שוין דאָ.

אָ, בלויער פריינט,
אָ, קום, אָ, קום!
קום, אָ, קום, אָ, קום,
אום ... אום ... מום ... מום ...

פון

דער רויטער נאַכטיגאַל

. . . געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איז איבער דעם זאַמדיקן וועג,
געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
און איז שוין אויף אייביק אַוועק.

עס שוועבט לייכט די גאָלדענע פּאַווע,
די פּאַווע האָט לייכט דורכגעבליצט,
נאָר ס׳גאָלד פון די פליגל די ברייטע,
האָט טיף זיך אין האַרצן פאַרקריצט.

...זי איז שיין
מלא חן.
אירע אויגן
זיינען גלאַנציק:
ווייל זי איז ערשט
דריי און צוואַנציק.

בלוי די אויגן,
ראָז די באַק,
קוש איך זי מיר
גאַנץ געשמאַק.

און ווי בשמים
שמעקט איר לייב,
און זי איז
מיין טרייע ווייב.

זי איז יונג,
און זי איז שיין,
און געהערט נאָר
מיר אליין.

...די צאָל פון מיינע יאָרן
איז פון אַ דריי און צוויי,
נאָר כ׳ווייס ניט זייער אָרדנונג,
און ווי צעשטעלן זיי.

כ׳שטעל אָפּט די צוויי אַפריער,
און אָפּט די דריי פאָרויס.
און פון דעם גאַנצן שטעלן
קומט גאָרנישט ניט אַרויס.

וואו ביסטו, מאַמע מיינע,
אַ, מוטער, וואו ביסטו?
כ׳וועל וועקן דיך פון קבר,
כ׳וועל שטערן דיר דיין רו.

אַ, זאָג, וואָס קומט אפריער,
די צוויי קומט, צי די דריי? —
איך הער צוויי פליגל רוישן
און שוועבן לייכט פארביי.

דאָס האַרץ מיינס ציטערט, ציטערט,
עס פלאַטערט ווי א בלאַט:
וואו ביסטו, פאָטער, מיינער?
אויב כ׳האָב דיך ווען געהאַט. —

... זאָג, וויפיל צייט אַנטלאָפן
איז שוין פון יענער נאַכט,
ווען דו פאַרזייט מיין לעבן
האָסט אין מיין מוטערס טראַכט?

נאָר קיינער וויל ניט זאָגן,
נאָר קיינער ענטפערט ניט,
און די לבנה טרויריק
ביים ברעג פון אָפּגרונט ציט.

מיין בליק מיט צאַרטער בענקשאַפט
גלעט אירע טריט און גלעט:
ווי אָפט ביסטו געשלאָפן
מיט מיר אין יונגן בעט.

...די שוואַרצאַפּלען צאַפּלען, און די אַקסלען צוקן,
און די ווערטער מיינע פאַלן אין אַ קנויל.
לאָז מיך ווידער אין די אויגן דיינע קוקן,
לאָז מיך ווידער הערן ווערטער פון דיין מויל.

האָסט געבעטן: מיינע יאָרן שלאָפן
אין דעם גרויען האָפן פון מיין מאַן.
קום, באַפריי מיך . . . בין איך אָנגעלאָפן
און באַפרייט דיך פון דעם שווערן שפּאַן.

ווי דער הימלס־האָרן אויסגעבויגן,
ליגסטו הויל אָצינדערט אויף מיין דיל,
און פאַרשעמטע, צו דער ערד געבויגן,
ווייִנען דיינע דרייסיק יאָרן שטיל.

צוויי און דרייסיק . . . אין א ווײַלע שפּעטער
פינקלען, גליִען זיי שוין ווי א קויל,
רופן אָן מיך זייער האָר און רעטער,
קושן מיר די אויגן און דאָס מויל.

אָ, ווי אונזער פרייד איז העל געפלאָסן,
ווי דעם דיכטערס וואָרט, אריבער צייט און אָרט!
האָט אומגערן זיך דער כוס פאַרגאָסן,
פאַלט אומגערן פון דעם מויל א וואָרט — — —

... אין מיטן פון דעם טאַנץ האָב איך אַ קוק געטאָן אויף אייך,
און ס׳האָט אין האַרץ ביי מיר אַ לייכט געטאָן אַ ליכט:
ווי ס׳רייניקט זיך דאָס לייב אין לויפנדיקן טייך,
אַזוי וועסטו, מיין הארץ, אין לויב פון זיין געזיכט,
פאַרגעסן אַלץ וואָס האָט דיך צו דער ערד געשמידט.
אוי, האָט רחמנות אויף מיר, האַר! איך וועל דערשטיקט!
דערהרגעט מיך! אַ, פליגלען ווייסע פון געמיט,
דעם לעצטן פעדער אייערן האָט ס׳לעבן אויסגעפליקט,
און נאַקעט שטיי איך און איך ברעך דעם קאָפ
אַן דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס הינטער איר איז שוין
ניטאָ קיין וועג צוריק.

. . . איך האָב געזאָגט: ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אייך,
האָט מיר אין האַרץ, האָב איך געזאָגט, אַ שלאָג געטאָן אַ ליכט.
איך האָב געזאָגט, ווי ס׳לייב אין לויפנדיקן טייך
ווערט ס׳הארץ מיינס ריין אין אייער אנגעזיכט.

האָט איר דען ניט פון ערשטן טאָג,
וואָס איך קען זיך געדענקען דאָ אין הויף,
געהאַלטן איבער מיר מיט גנאָד די וואָג
פון אייער צערטלעכקייט און אייער וואוילגעפיל?

...דיין צונג איז לענגער פון דיין צאָפּ,
און מאָלסט אזוי מיט אים, אז כ׳קען דיך ניט פאַרשטיין!
עס וואָלט זיין וואויל, ווען זאָלסט באוועגן איצט דיין צונג
צום טאַקט פון מיינע טעג: און איך בין שוין ניט יונג.

...קאַרב אײַן רײַפן דינע
אין דער לופט, מײַן פוס!
פונקען קופּער גרינע,
ווי אַ פײַער־גוס,
זאָלן זיך צעשלאָגן
אָן די הערצערס אײַז.
איך מיט דיר זיך טראָגן
זאָל אין פײַער קרײַז.

...און ניט נאָר דאָס, כ׳געדענק נאָך קלאָר אַצינד,
וואָס האָט דערנאָך פּאַסירט: עס איז געווען שוין שפּעט
אין הערבסט. די וועלקייט, וואָס ליגט אין דעם רויטן בלאַט,
באַפאַלן איז די אָרעמס אייערע: איר זייט געוואָרן מיט מיר זאַט.
דאָך האָט איר ניט פאַרשטויסן מיך צום טויט,
אין קעגנטייל, איר זייט נאָך צערטלעכער געוואָרן.
אום פינקטלעכער צו זיין: די וועלקייט האָט געבוירן
אַ קרענקלעך זיסע צוגעבונדנקייט.
ניט עקל, ניין, נאָר איבערזעטיקייט,
וואָס גרענעצט ערגעץ זיך מיט עקל פאָרט,
איז אין דער איבערזעטיקייט געלעגן.
ווי קלאָר געדענק איך עס. ס׳איז אייער איטלעך וואָרט
מיט פרישקייט, ווי אַמאָל, געקומען מיר אַנטקעגן.
נאָר איבערזעטיקט, מיד, געוואָרן זיינען אייערע גלידער,
ווען צוגערוקט האָב איך זיך שטיל צו זיי:
ניט איך, נאָר בלויז מיין ליבּ געוואָרן איז אייך מיטאַמאָל דערווידער,
און דאָס באַליידיקט ניט און טוט ניט וויי.
ווייל קיינער קען זיין קערפּער ניט באַפעלן,
וואוהין ער זאָל זיך רייסן און צו וואָס.
ניט אמת, האַר?

פון
שיפּע זיבעלע

...און ווער עס וויל זיך שלאָגן,
זאָל שלאָגן זיך, ווי דען!
נאָר זאָלן פונקען יאָגן,
אַז זיין זאָל וואָס צו זען!

און אויב דיר ווילט זיך רוען,
טאָ רו דיר אין גאָטס לויב!
דאָס לוילעכע ניט־טוען
זאָל זיין דיין טיפע הויב.

מיר וועלן דיך באַזינגען
אין פערזן, ריטם, ריים. —
ביינאַכט די פעלדער קלינגען,
דאָס קומט די שאָף אַהיים.

פון

דזשימי פון סקאָטלאַנד יאַרד

*

*　　*

...פון וואָס ווערט אַ ליבע געבאָרן ?
פון שמועסן, זינגען און לאַכן !
אין אונזער שפּיל דעם נייעם
איז דאָ די אַלע זאַכן.

מיר האָבן צוגעגרייט אויך
פיל זעלטענע מתּנות :
האַלב צוגעשנירטע אויגן
און אַקסלען, בלייך ווי לבנות.

מיר האָבן צוגעשפּיצט אויך
ביי יעדן דאָס באַגערן :
דו ווילסט די שאַנסאָנעטע
זאָל דיר, בלויז דיר געהערן ?

ניט פרעג קיין קשיות, נעם זי,
קענסט נעמען אויך אַ צווייטע,
זיי פאַלן, רייפע פלוימען,
אין אָרעמס אויסגעשפּרייטע.

...נאָר בעסער ניט באַגערן,
ניט וועלן, ניט פארלאנגען,
ווייל דער וואס וויל, דער קען נאָך
דעם הימל אויך דערלאנגען.

און קאַלט איז אינם הימל,
מען קען פאַרפראָרן ווערן.
דער שאנסאָנעטעס מיילכל
איז ווארעמער פון שטערן.

דער שאנסאָנעטעס שמייכל,
ווען האלב זיך אויגן שליסן. —
ווען פאלן וועט דער פאָרהאַנג
קומט הינטער די קוליסן.

...אָ, ליבסטער, ליבסטער, ליבסטער,
דו ביסט אינגאנצן בלינד!
און זעסט ניט, אז שוין וואָכן
בין איך ניט מער א קינד!

כ׳בין זיבעצן געוואָרן,
און ווער באַלד אַכצן יאָר.
און זע, ווי די לבנה
קושט מיינע פיס און האָר!

געקושט פון דער לבנה,
געקושט, געהאלזט, געגלעט
ווערט בלויז א פרוי, וואָס האָט שוין
געטיילט אַמאָל איר בעט.

...וועלכעס מיידל ס׳נעמט אָ בחור,
איז ניט ווערט א דרייער,
ער וועט גיין אין דער מלחמה
אין דעם ערשטן פייער.

און דאָס האַרץ אירס קלאַפּן, קלאַפּן
וועט פאר פּיין און ווייטיק,
דאָס איז אמת, אונטער אייכל,
ווי ס׳איז איצטער פּרייטיק.

און א מיידל אָן א בחור
איז ניט ווערט א גראָשן,
ס׳וועט איר לעבן, ווי א ליכטל,
ווערן אויסגעלאָשן.

וואָסזשע טוט מען, קענסטו אפשר
מיר אַן עצה געבן?

ס׳דאַרף אָ מיידל צוויי בחורים
נויטיק ווי דאָס לעבן.

איינער אויפן שלאַכטפעלד וועט זיך
מיטן שונא שלאָגן,
און דער צווייטער וועט זיין לעבן
איר אנטקעגן טראָגן.

...זיידיק און גרין איז דאָס גראָז, וואָס איך טרעט,
און ווי דאָס וואָרט דיינס, אַזוי איז עס פּילבאַר,
בלויז נאָר דער עפּלבוים הינטער מיין פּלייצע
שטייט א באלאָדענער רואיק און שווייגט.

...די מלכה האָט געלאָזט דעם שלעפּ דעם לאַנגן פאַלן,
דעם קאָפּ נאָר אויפגעהויבן איבער אלע קעפּ.
ווי ווערטער פאַרבלאָנדזשעטע, טויזנט וואסאלן
גייען שווייגנדיק מיט איר אַראָפּ די טרעפּ.
אַנטקעגן איר דער פּאזש איז אָנגעקומען
און אָפּגעשטעלט זיך. גרייט צום וועג.
ער האָט אין דעם בליק פון דער מלכה פאַרנומען,
אַז אים איז באַשערט איצט צעטראָגן,
דורך בערג און דורך טאָלן צעטראָגן,
די פינצטערע בשורה פון טויט.

די מלכה האָט איר טראָט אַ ווייל פאַרהאַלטן, —
עס ווערן וואַך די חושים פונם פּאזש,
ער האָט אין דעם גוף פון דער מלכה פאַרנומען
אַז אים איז באַשערט איצט צעטראָגן,
דורך בערג און דורך טאָלן צעטראָגן,
די ליכטיקע בשורה פון פרייד.

...אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרניט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָן
מיט אַ אידישן מלך.

דער מלך איז לאנג שוין געשטאָרבן,
ליגט אונטער א בערגל מיט ערד.
צוזאַמען מיט אים ליגט באגראָבן
זיין פאַנצער, זיין שפּיז און זיין שווערד.

ער האָט אין דעם לעבן דעם קורצן
זיך קיינמאָל פון זיי ניט געשיידט,
האָבן זיי אים אין קבר,
אין פינצטערן קבר באגלייט.

נאָר וואו איז די מלכה די יונגע
מיט אירע טיף־קופערנע האָר?
דאָס איז שוין ניט מערער קיין מעשה,
דאָס איז שוין די פינצטערע וואָר!

אַ שענקל, האלב נאקעטע פרויען,
מאַטראָזן, אַ שמוציקער פּאָרט —
און וואו ס׳איז די מלכה, די יונגע,
זאָל בעסער שוין בלייבן א סוד!

...גיי ניט אַוועק, פּרינצעסין,
גיי ניט צו ווייט אַוועק,
דו קענסט אמאָל פארגעסן
צוריק אַהיים דעם וועג.

דו וועסט ווי שלמה ווײנען
און רייסן זיך די האָר,
און אַלע וועלן מיינען,
דו ביסט משוגע גאָר.

אַ מלכה וואָס טוט וואַנדלען,
איז אויף דעם אָפּגרונדס ראַנד,
זי וועט זיך נאָך פאַרוואַנדלען
אין איינער פונם לאַנד.

...היט אָפּ דאָס בלוט, דאָס בלויע!
און זאָגט עס אָפן, דרייסט:
ס׳מאַכט העל די טעג, די גרויע
דאָס ריטערטום פון גייסט!

היט אָפּ דאָס וואָרט דאָס צאַרטע!
געדענקט: פון אייביק אָן
געווען איז ל׳ארטע
פון אונזער צעך די פאָן!

. . . ס'האָט איר האַנט
אַ גלעט געטאָן זיין פּנים, און געקוקט
האָט זי אויף אים מיט אירע ווייסע ציין
און האלב פאַרשנירטע אויגן. טרויעריק
געווען איז איר האָב און גוטס: איר לייב.
און דינער? פונקט ווי אלע־מאָל. און ער
האָט לייכט א צי געטון צו זיך איר קאָפּ,
פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, און מיט זיין צונג
אַ פיר געטאָן דורך אירע ליפּן גיך.
עס האָבן דעמאָלט זיך געעפנט ברייט
די אויגן אירע, און א זעטיקייט
האָט זיך באזעצט אין ווינקלען פון איר מויל.
און וואָרעם שטייט זי נעבן אים, ווען ער
(פאַרטראַכט און טרויעריק) איר פּנים גלעט.
ער זאָגט:

„ווער דאַרף עס האָבן, זאָג, צו וואָס?
איך ווייס אליין ניט, צי איך וויל עס טאָן.

עס איז איצט אין דער מאָדע ויצלען זיך
אויף דעם, וואָס איז אַלטמאָדיש, און די קונסט,
יאָ, קונסט פאר קונסט איז פאר בטלנים בלויז".

זי שנירט די אויגן ווידער איין און זאָגט:
„און דו האָסט מורא זיין א בטלן, יאָ?"
די פינגער אירע פירט זי דורך זיין האָנט,

זי ווייסט: עס שטראָמט אצינד פון איר דאָס בלוט
און פליסט אין אים אריין. ער ווייסט עס ניט.
פאַרנעפּלט איז זיין פּנים און זיין קול:

„יאָ, קונסט פאר קונסט, דאָס איז דער אלטער קרייז,
ער שטייט אין מיטן פון דער וועלט."

ער זאָגט
איר אויך, אז גרייכן קען אים יעדע האַנט,
נאָר זעלטן שטרעקט זיך אויס צו אים א האַנט,
און רואיק שטייט דער אלטער קרייז און וואַרט.
עס טרעפט אַמאָל זיך, איינער הויבט אים אויף
און לאָזט זיך מיט אים גיין. ער גייט ניט ווייט.
ס'איז שווער דער קרייז און שווער געקרייציקט זיין,
ווען קיינער שטייט ניט און באַוואונדערט ניט.

...אויב תחינות העלפן ניט, וואָס וועט שוין?
מען קען אָן תחינות ניט באגיין זיך.
וואָס ווערט פון שטאַרקסטן קאַמף און שלאַכט,
אויב ניט אָן אָנגעשריבן בלעטל,
אַ סטימולאַנט פאַר מידע שרייבער,
פאַר רעדנער פּיפּיקע — אַ ווענדונג,
און פאַר דער ברויזנדיקער יוגנט
אַ גרייטער תּירוץ פאַר קרבנות.
ס'איז אונזער וואונדערלעכע וועלט
צעטיילט אויף הענקער און קרבנות.
בשלימות האַקט דער הענקער קעפּ
און וואַרעם בלוט איז זיין באַלוינונג,
נאָר טיף אין האַרצן חלומט ער,
אַז ער וועט זוכה זיין ביי גאָט,
און קעפּ אַזויפיל וועט ער האַקן,
אַז דער געשיכטע־שרייבער וועט
געצוואונגען זיין דערמאָנען אים.
און די קרבנות חלומען
פון לאַרבער קרענץ און פון פאַרערונג.
צו וואָס, זאָג, מאַכן נאַריש זיך
און טראַכטן וועגן עפּעס אויפטאָן,
ווען אַלעס איז פאַרויס באַשטימט,
און יעדער איינער האָט זיין ראָלע.

. . . עס איז א מעשה אַנומלט פאַרלאָפן,
עס האָט זיך א מעשה אנומלט געטראָפן,
די מעשה געווען איז אַזוי און אַזוי:
אַ מאַן איז אוועק, האָט פארלאָזן זיין פרוי.

פאַרוואָס און פאַרוואָס, ווער קען וויסן און זאָגן?
עס איילן חדשים, די יאָרן זיי יאָגן,
און גרויס איז דער ווייטיק, די חרפה איז טיף:
ער האָט איר צומאָל ניט געשריבן א בריוו.

געקרייזלטע האָר זיינען גלאָטער געוואָרן,
דער שיין פון די אויגן איז מאַטער געוואָרן. — — —

...אָ, האָב רחמנות, טרייב ניט
דאָס שיפל פונם ברעג.
דו קוק זיך איין: לבנה
אין מיטן האָט אַ פלעק.

עס איז א שלעכטער סימן, —
קומט בעסער גלייך צוריק:
ס'וועט איינער היינט זיך טרינקען,
צי הענגען אויף אַ שטריק.

דער פלעק ווערט טיפער, ברייטער,
שלינגט די לבנה איין.
דערמאָנט זיך אָן דעם שיפער,
דעם שיפער פונם רהיין.

אינהאלט

1911-1915

וועק מיך ניט 11
א ווייטער רוף... 12
פון זיינע טריט... 13
איך בין דאָך, ערד... 14
גאָט פון אברהם... 15
כ'בין ביי דיינע פיס געזעסן... 16
דער הימל פאַר א רעגן... 17
פאַל אויף מיין הארצן... 18
כאָטש א רגע פארן טויט 19

ליבע:

1. ווען ס'נעמט פארנאכט די זון צעפלאַמען 20
2. די ציטערדיקע שויבן ווערן קאַלטער, גרינער 21
3. שטיל לאָמיר אַלע פארשווינדן 22
4. פארכישופט איז דאָס ראָד 23
5. און פירסטו אונז וואו לעבן בליט 24

קומט דער ליבער זומער 25
געבעט פון א מיידל 26
וידוי 27

דערנער:

1. Warum sind denn die Rosen so blass? 28
2. אוי, די אויגן מיר פארדעק 29
3. אין דער פינצטער זיינען דיינע אויגן 30
4. זיינען מיר אַלע געבאָרן אָן ווילן 31
5. ס'נעמט אָוונטן... 32
6. ווען ס'נעמט די ווינטער-זון... 33
7. פאַר אַלעם זאָלסטו מיר פארגעבן 34
8. פארשפרייט איבער מיר דיין גענאָד 35

מיידעלשע געזאַנגען:

1. איך קוק אַלץ אויפֿן זייגער.......... 36
2. דו ניט צייל נאָר מיינע יאָרן 37
3. אוי, ווי ס׳פלאַמט מיין אויער 38
4. ניין, איך גלויב ניט... 39
ווינטער-פאַרנאַכטן 40
עפּילאָג 41

גאַמען:

1. איך וואָלט געקויפט אַ פערד... 42
2. טו איך מיר די שטיוול אויס 43
3. איך וויל גאָר נישט... 44
4. עס וועקט זיך וואו אַ שטילער שיין.......... 45
5. וואו ערד און הימל קומען זיך צוזאַמען 46
איך, דאָס פאָלק און די קעלנערינס.......... 47

פערזן:

1. און ווערט אונזער לעבן אַלץ בלאַסער 48
2. פאַר די קליינע קינדערס ווענן 49
3. און מיר גייען דיר אַנטקעגן 50
4. איך קען ניט געבן, גאָט, גיב דו.......... 51
5. אַליו-ליו-ליו, האַרץ מיינס 52
6. ס׳זינקט אַ האַלבע וועלט אין טרערן.......... 53
7. שאַפן מיר יום-טובים אָפּ 54
8. גענאָד צו אייך און פרידן.......... 55
און שטיל... 56

פינף לידער:

1. נעגערינס 57
2. אויסגעגאָסן אויפֿן דיל... 58
3. דינסטיק 60
4. אין דער יוגנט זיינען מיידלעך 61
5. עס זיינען מיינע לידער 62
ביז... 63
אָט אַזוי, אַזוי, אַזוי 64

וואונדערבארע פערזן:

1. טרויעריק ... 67
2. אויגוסט 28, 1915 ... 68
3. ! 69
4. מיינע זעליקייטן ... 70
5. היינט אָוונט ... 72
6. מיין ליבער ר. אייזלאנד ... 74

צום לאַנד פון פרידן:

1. איך גיי צוריק ... 76
2. איך פאַל פאַר אייך ... 77
3. טרויעריק איז מיין נשמה ... 78
4. ס'איז קאַלט ... 79
5. אָ, ווייסער פעברואַר 80
6. האַלב פינצטער אין טעאַטער 81
7. וואַרהאַפטיק 82
8. הערט אויס אָט די רייד מיינע 83

זעקס לידער:

1. ערשט איצט האָב איך דערפילט 84
2. א פרימאָרגן שפּאַציר ... 85
3. ווי דורך גרין-באַגראָזטע פעלדער 86
4. אין על ... 87
5. א קליינער פּאַרק מיט ווייניק ביימער 89
6. אוראי ווייס איך 91

1916–1918

אידישע מאָטיוון:

1. מיר און זיי ... 95
2. זאָלסט פאָטער און מוטער 96
3. ווען ס'גייט א קינד 97
4. וואַכט אויף ! וואַכט אויף ! ... 98

פריילעך ווערט אזוי 99

וואונדערבארע ווערטער ... 100

עס בילן אין דרויסן די הינט 101

עס איז ניט קאַלט 102

יולי טעג 103

א גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך . . . 104
די ברייטע העל-פאַרגראָזטע געגנט . . . 105
ס׳איז היים אין שטוב . . . 106
איך און מיין הונט:
1. פון דרום ווייען ווינטן 107
2. דו גייסט אַרום זיך, ליאַ 108
פּאַראַנען לייט . . . 109
דו מיין ניטדאַאיק גליק:
1. אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג . . . 110
2. פאַראַנען ווערטער . . . 111
3. ווער פירט די אַלע שיפן . . . 112
4. פאַר אונזער חרוב אידיש לעבן . . 113
די רויטע פאָן 114
א געבעט 115
א היינטיק וויג-ליד 116
א דייטשע שווייסיקע קאסקע 117
די מאַטראָזן 118
בעלגיע 119
צו בריטאַניע 120
אָדע 121
אויב קריג איז קריג 122
און דיסקוטירנדיק ביים טיש . . . 123
ניט מיר! 124
אין דער גרויסער שעה 125
פּארן זיג 127
דו ביסט פאַרביי מיר דורכגעגאַנגען 128
אָונט אין קעלער 129
דיינע פיס . . . 130
צו א דאמע אין א גרויסן הוט 131
א געבעט 132
אָקטאָבער 133
אין קינעמאַטאָגראַף 134
גלייך ווי קינדער אין א ראָד . . . 135
צו . . . 136
נשמה מיינע 137
איז דער הייליקער בעל שם טוב . . . 138

1924-1919

אין על 143
אין קעלער 144
אין סאַבוויי 145
מלכה שבת 146
אַ הימן 147
ענדע יולי, קוני איילאנד 148
מיט וויפיל טרויער 149
צום טשעכאָנאָווער 150
אָ, וויפיל ריחות 151
גלידער 152
אין יולי מאָרגן 153
דער סטריקאָווער 154
די סטריקאָווער רביצן 155
ביים געזעגענען זיך מיט די באַשיידענע „ה״ען און שטומע „ע״ס 156
איך האָב געוואַרט און דו ביסט ניט געקומען 157
אין אַלבאָם פון פרײַלין 158
קליינשטעטלדיקע ווייבער 159
פיין-היל 160
איך האָב צו אייך אַ גרויסע טובה, ברידער 161
דאָס קליינע חזיר׳ל 162
פעברואַר אָוונט 163
ווי קאַלט און אומ׳רחמנות׳דיק איז די נאַטור 164
וואָס דאָן-קיכאָט האָט געפילט ווען מען האָט אים אויסגעלאַכט 165
דאָן-קיכאָט 167
דאָן-קיכאָט׳ס קלאָג-ווערטער 168
זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון דעם רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק
און דעם רבין ר׳ נפתלי פון ראָפּשיץ 169
זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון אַ רבין און אַ רביצן, וועמעס נעמען
מיר טאָרן ניט מפרסם זיין צוליב אַ סיבה, וואָס יעדער איינער ווייס 172

דער ווייסער לאָם:

1. די לעצטע נאַכט מיט דער מאַרקיזין 173
2. געפלויגן די גאָלדענע פאַווע 174
3. פון יונג פאַרהייראַטע פרויען 175
4. לבנה ליגט אין פענצטער 176

5. ווען דו זאָלסט וויסן, בת-טובים 177
6. עס זיינען שיין 178
7. אַ פיש ביי דעם עק אָנגעהאַלטן 179

1925־1937

די גאָלדענע האַרף:

1. די דיכטונג 183
2. דאָס ליד פון מידן פאַרצעליי 185
3. דער פוס אין רוים 187
4. דאָס ליד פון פארלאָרענעם לייב 188
5. אומעטום איז הימל 189
6. דאָס ליד פון גרינ-בלויע קרעלן 190
7. דאָס ליד פון ווייסן ציגעלע 192
מאַרקיזין פאַמפאַדור 193
מיידלעך ווי האלבע לבנות 195
מאַרקיזין באַטאַוויִם 196
ברויט און וואַסער 197
אַ טרויעריק ליד 198
דאָס ליד פון גאָטס קנעכט ישראל בעל שם טוב 199
אין שענק 200
אויף וואָס שרה בת-טובים פטרט אירע טעג 201
מאַן און ווייב 202
אין נעץ פון דער לבנה 204
דיין צאַרטע דורכזיכטיקע הויט 205
איבער זיבן ימים 206
די פאַרצעלייענע מאַרקיזין 207
סענטימענטאַלע פערזן 208
אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט 209
די באַלאַדע פון די נאַקעטע ברילאַנטן 210
מיין טעסטאַמענט 213
איך בין דער מאַן פון ליד 215
דיכטונג 216
אַ ליד 218
די מוזע 219
די באַלאַדע פון פארנעפלטן גלאָז 221

צו חיה׳לע לאַנדוי 222
די באַלאַדע פון די זעגל-שיפן 223
אויף דעם טויט פון אַ רוסישן דיכטער 224
עס אַטעמט יעדער ווינקל פון דער ערד 225
פאַקסימיל 226
זייער אַ וואונדערלעכע מעשה פון אַ בראַוון קאַפּיטאַן, אַ ווייס פערד
און דריי הונדערט מאַטראָזן 229

פון בוך
עס איז גאָרנישט ניט געשען

פון
דער בלויער נאַכטיגאַל:

איר ווייסט ניט? 237
אין אַט דער שעה דערפילן פרויען 238
אָ, אַרלעקין, מיין ליבער 239
בלויז אין דעם ליד פון דיכטער 240
אין דער ביבל 241
אַ גרוס צו איך פון נאָענט און ווייט 242
די האַרבע אויגן ווערן טויאיק 243
שוואַרץ איז פּאַש און רויט איז לעניך 244
דאָס בלויע שיינט 245

פון
דער רויטער נאַכטיגאַל:

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע 246
זי איז שיין 247
די צאָל פון מיינע יאָרן 248
די שוואַרצאַפּלען צאַפּלען 250
אין מיטן פון דעם טאַנץ 251
איך האָב געזאָגט 252
דיין צונג איז לענגער פון דיין צאָפּ 253
קאַרב איין רייפן דינע 254
און ניט נאָר דאָס, כ׳געדענק נאָך קלאָר אַצינד 255

פון
שיפּע זיבעלע:

און ווער עס וויל זיך שלאָגן 256

פון
דזשימי פון סקאָטלאַנד יאַרד :

פון וואָס ווערט אַ ליבע געבאָרן ? 257
נאָר בעסער ניט באַגערן 258
אַ ליבסטער, ליבסטער, ליבסטער 259
וועלכעס מיידל ס׳נעמט אַ בחור 260
זיידיק און גרין איז דאָס גראָז . . . 261
די מלכה האָט געלאָזט דעם שלעפּ . . 262
אַמאָל איז געווען אַ מעשה 263
גיי ניט אַוועק, פּרינצעסין 264
היט אָפּ דאָס בלוט, דאָס בלויע ! 265
ס׳האָט איר האַנט 266
אויב תחינות העלפן ניט . . . 268
עס איז אַ מעשה אַנומלט פּאַרלאָפן 269
אַ, האָב רחמנות, טרייב ניט 270